# שיחת
## ש"פ בשלח, יו"ד שבט
## ה'תשד"מ

•

הנחת הת' בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
**"ועד הנחות התמימים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים וארבע לבריאה

SichosKodesh.com

בס"ד. שיחת ש"פ בשלח, יו"ד שבט ה'תשד"מ. הנחת הת' בלתי מוגה

א. לכל לראש איז דאס א התוועדות פארבונדן מיט יו"ד שבט, דער יום הסתלקות הילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, דער ממלא מקום פון די נשיאים שלפניו ביז דעם אלטן רבי'ן, המייסד חסידות חב"ד והראשון מנשיאי חב"ד.

וכמדובר כמ"פ אז וויבאלד ער ווערט אנגערופן ע"פ תורה בשם "ממלא מקום", איז ער זיכער ממלא כל המקום מזה שלפניו (ביז צו דעם אלטן רבי'ן). ואדרבה - נאך באופן פון "מעלין בקודש"[1], "כפליים לתושי'"[2]. ובמכ"ש וק"ו: מה-דאך אז בנוגע יעדער אידן ווערט אנגעזאגט "מעלין בקודש", עאכו"כ ביי א נשיא בישראל, שממנו יראו וכן יעשו, ובלשון הרמב"ם[3] - ער איז "לב כל קהל ישראל", ולבא פליג לכולא שייפין[4], ד.ה. אז פון דעם נשיא קומט ארויס לכולא שייפין [וכמדובר בההתוועדות שלפנ"ז[5] בקשר מיט נוסח התפלה "וצאצאינו"], איז זיכער אז ער איז ניט נאר ממלא מקום מאלו שלפניו, נאר באופן פון מעלין בקודש. ווארום מה-דאך אז א ננס על גבי ענק זעט ווייטער (און האט מערער כחות) ווי דער ענק[6], עאכו"כ אן ענק על גבי ענק.

דעם תוכן פון חסידות חב"ד - וואס דער אלטער רבי האט מייסד געווען, און דער בעל ההילולא איז ממלא כל המקום (באמיתית הענינים), ובאופן דמעלין בקודש, פון די נשיאי חב"ד שלפניו, ביז דעם אלטן רבי'ן - קען מען אנהויבן פארשטיין דורך תורת חסידות חב"ד, ווארום אלע ענינים הויבן זיך אן פון תורה, כמאמר[7] אסתכל באורייתא וברא עלמא. ובתורה עצמה - פון תורה שבכתב, ווי דער רמב"ם שרייבט בהקדמת והתחלת ספר היד שלו אז תורה בפירושה ניתנה, וואס "תורה" גייט אויף תושב"כ, און "פירושה" אויף תושבע"פ. ד.ה. אז לכל לראש קומט תושב"כ.

דאס הייסט בנדו"ד, אז דער תוכן פון חסידות חב"ד (און נשיאי חב"ד, ביזן בעל ההילולא) גיט זיך ארויס בתושב"כ פון חסידות - אין דעם ספר התניא[8].

[ובפרט ווען מ'האלט גלייך פאר קאתי מר דא מלכא משיחא, וואס ער קומט כשיפוצו מעינותיך חוצה[9], די מעינות פון פנימיות התורה וואס קומען ארויס באופן פון "יתפרנסון מיני'"*[9] ע"י חסידות חב"ד].

---

1) ברכות כח, א. וש"נ. 2) איוב יא, ו. שמו"ר ר"פ מו. 3) הל' מלכים פ"ג ה"ו. 4) ראה זח"ב קסא, ריש ע"ב. רכא, ב. 5) שיחת ש"פ וארא סל"ז ואילך. ויצא לאור גם בקונטרס בפ"ע. 6) כידוע המשל בזה - נסמן ב"משיחת" ש"פ בא הערה 45. 7) זח"ב קסא, ריש ע"ב. וראה ב"ר בתחלתו. 8) מכתב אדמו"ר מהוריי"צ - נדפס בספר קיצורים והערות לתניא ע' קיח ואילך. אגרות קודש שלו ח"ד ע' רסא ואילך. וראה שם ח"ה ע' צ. 9) אגה"ק הידועה דהבעש"ט - נדפסה (גם) בכש"ט (הוצאת קה"ת) בתחלתו. ובכ"מ. *9) ראה תקו"ז ת"ו בסופו. מק"מ בהקדמתו לזהר. כסא מלך לתקו"ז שם.

SichosKodesh.com

ב. ובמיוחד האט עס א שייכות מיטן ספר התניא וואס איז געדרוקט געווארן בסמיכות זמן צו יו"ד שבט, און דערצו - יו"ד שבט שנה זו (דער יום הילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, ממלא מקום פון נשיאי חב"ד שלפניו ביז דעם אלטן רבי'ן), א זמן גרמא אויף ענינים פון חסידות חב"ד.

ונוסף לזה, איז דער תניא געדרוקט געווארן במקום מיוחד פארבונדן מיטן בעל ההילולא - וואס אויך מקום גרמא (כמבואר אויך בנגלה דתורה) - אין "קראון הייטס", בסמיכות צום ביהמ"ד וביהכנ"ס פון דעם בעל ההילולא, וואו ער האט געלעבט במשך עשר שנים רצופות (וידוע דער עילוי בכמה ענינים אויך בהלכה) פון עשר שנים).

קומט אויס אז ס'איז א תניא וואס איז סיי פארבונדן מיט זמן גרמא און סיי מיט מקום גרמא אויף עניני חסידות חב"ד, וידוע אז זמן ומקום זיינען פארבונדן צווישן זיך[10].

דעריבער איז א דבר המתאים אז מ'זאל אנהויבן די התוועדות מיט לערנען אן ענין אין דעם תניא[11].

ונוסף לזה דארף מען אויך ארויסנעמען א הוראה פון שם השכונה (וואס מקום גרמא) וואו מ'האט געדרוקט דעם תניא (וואו דער בעל ההילולא האט געוואוינט במשך עשר שנים) - "קראון הייטס", דאע"פ וואס ס'איז א שם שניתן לשכונה זו ע"י גוים, איז דאך יעדער זאך בהשגחה פרטית, און וויבאלד אז שם שכונה זו איז דערגאנגען צו א אידן דארף ער דערפון אפלערנען בעיקר תכלית בריאתו - אני נבראתי לשמש את קוני[12], א הוראה באהבת ה' ויראת ה' (כדלקמן סט"ו ואילך).

ג. דער ענין אז מקום גרמא בקשר מיט עניני תורה - איז מובן פון מאחז"ל[13] "אין תורה כתורת ארץ ישראל". כידוע דער חילוק צווישן די תלמידי חכמים בארץ ישראל ובבל, כמאחז"ל[14] "נועם אלו ת"ח שבארץ ישראל שמנעימין זה לזה בהלכה, חובלים אלו ת"ח שבבבל שמחבלים זה לזה בהלכה", "ת"ח שבא"י (ש)נוחין זה לזה בהלכה כו' ת"ח שבבבל (ש)מרורין זה לזה בהלכה". כמבואר בכ"מ[15] דער חילוק הלימוד צווישן תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי (תורת ארץ ישראל), אז אין בבלי איז דא א ריבוי מחלוקת ושקו"ט ופלפול, "במחשכים הושיבני[16] זה תלמודה של בבל"[14], משא"כ בירושלמי [ביז אז ר' זירא הי' צם מאה תעניתא בשעת ער איז איבערגעגאנגען פון

---

10) שעהיוה"א פ"ז. 11) ראה משיחת ש"פ בא ס"ו. 12) קידושין בסופה. 13) ב"ר פט"ז, ד. 14) סנהדרין כד, א. 15) שערי אורה ד"ה בכ"ה בכסלו פנ"ב ואילך. המשך תרס"ו ע' צ ואילך. ר"ה אמר רבא תש"ח פי"א. ועוד. 16) איכה ג, ו.

(תלמוד) בבלי צו (תלמוד) ירושלמי ("ר' זירא כי סליק לארעא דישראל יתיב מאה תעניתא דלשתכח גמרא בבלאה מיני'"[17]). זעט מען דערפון ווי מקום גרמא בנוגע לתורה.

לאידך גיסא - איז "אין תורה כתורה ארץ ישראל" וכו' ח"ו גארניט ממעט פון תלמוד בבלי, ואדרבה - הלכה כתלמוד בבלי דוקא[18]. ווייל פירוש הרחב אין "אין תורה כתורת ארץ ישראל" איז (ניט אז דאס איז פארבונדן מיט א מקום מוגבל בעולם, ארץ ישראל, נאר) אז דער לימוד איז אויף אן ארץ-ישראל'דיקן אופן, ד.ה. באופן פון "מנעימין זה לזה בהלכה כו' נוחין זה לזה בהלכה", אן מחלוקת.

ובמילא איז אויך אין בבל בתלמוד בבלי [ניט קוקנדיק אויפן חילוק צווישן תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי] - קען און דארף זיין דער לימוד (ניט באופן פון "מחבלים זה לזה בהלכה כו' מרורין זה לזה בהלכה", נאר) "כתורת ארץ ישראל", ווי אן ארץ-ישראל'דיקער לימוד (לימוד תלמוד ירושלמי), "מנעימין זה לזה בהלכה כו'".

ע"ד פתגם הידוע פון צ"צ[19] "מאך דא ארץ ישראל", ד.ה. בכל מקום בחוץ לארץ דארף א איד מאכן ארץ ישראל, ארץ על שם "שרצתה לעשות רצון קונה"[20]. עד"ז בלימוד התורה: בכל מקום (אויך בחוץ לארץ, בבל) דארף לימוד התורה זיין אויף אן ארץ-ישראל'דיקן אופן, אז "נוחין זה לזה".

כמאחז"ל[21] "הרב ותלמידו שעוסקין בתורה בשער אחד נעשים אויבים זה את זה (מתוך שמקשים זל"ז ואין זה מקבל דברי זה[22]) ואינם זזים משם עד שנעשים אוהבים זה את זה שנאמר[23] ואת והב בסופה, אל תקרי בסופה אלא בסופה (הכי דריש לה ספר מלחמות, מלחמה שעל ידי ספר, אהבה יש בסופה[22])".

והפירוש בזה איז ניט אז בתחלת הלימוד דארף טאקע באמת זיין מחלוקת ו"מחבלים זה לזה בהלכה כו'" און צום סוף איז "ואת והב בסופה", "שנעשים אוהבים" - נאר אויך בתחלת הלימוד איז כוונת הלומדים ניט מחלוקת, נאר שלום, און דערפאר הערט זיך אן אז "נוחין זה לזה", "דברי חכמים בנחת נשמעים"[24], ווארום כוונת לימוד כל התורה כולה איז בכדי צו אויפטאן שלום - "כל התורה

---

17) ב"מ פה, א. וראה תו"א סט, ג. ובכ"מ. 18) ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך הלכה. וש"נ. 19) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפה. לקו"ש ח"ב ע' 621. 20) ב"ר פ"ה, ח. 21) קידושין ל, ב. 22) רש"י שם. 23) חוקת בא, יד. 24) קהלת ט, יז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ניתנה בכדי לעשות שלום בעולם"[25], אנהויבנדיק פון שלום בא זיך און דערנאך שלום בחלקו בעולם ביז בכל העולם. און דעריבער איז בהכרח אז לימוד התורה זאל זיין באופן פון "נוחין זה לזה". נאר וויבאלד אז בכדי צוקומען צו א מסקנא כדבעי דארף זיין א שקו"ט ופלפול - דעריבער איז התחלת הלימוד באופן פון שקו"ט ופלפול ומחלוקת לשם שמים, און (נאר) בחיצוניות זעט עס אויס ווי "נעשים אויבים", ובסוף הלימוד ווערט נתגלה דער אמת - "ואת והב בסופה", "שנעשים אוהבים".

וכמובן בפשטות אז די כוונה אין "במחשכים הושיבני זה תלמודה של בבל" איז ניט אז מ'זאל ח"ו בלייבן בההתיישבות ("הושיבני") אין "מחשכים", אין חושך הגלות. ווי אנדערע ווילן טענה'ן ר"ל, אז גלות וחושך איז גוט, ועד"ז "חושך" בלימוד התורה, מחלוקת ושקו"ט וקושיות בתורה. נאר די כוונה איז נאר אז דער חושך זאל ברענגען צו אן אור הכי גדול, ד.ה. אז די שקו"ט ופלפול ומחלוקת בתורה זאל ברענגען א מסקנא והלכה כדבעי, און בסופה זאל זיין "אהבה", במילא דארף דער "במחשכים" זיין נאר וויפל מ'דארף בכדי צו ברענגען "ואת והב בסופה", ענין האהבה.

קומט אויס אז אויך אין תלמוד בבלי האט מען דעם ענין פון "תורת ארץ ישראל", ווייל מ'לערנט עס באופן פון "נוחין זה לזה". און בשעת לימוד התורה בבבל איז באופן פון לימוד ירושלמי (בארץ ישראל) און תלמוד בבלי קומט נאך לימוד בתלמוד ירושלמי - איז דעמולט בתלמוד בבלי אויך דא די מעלה פון "תורת ארץ ישראל". און דערפאר קומט מען אויך אין תלמוד בבלי צו א מסקנא והלכה (לאחרי השקו"ט ומחלוקת וכו').

ד.ה. אז דעמולט האט מעןביידע מעלות: מעלת תלמוד בבלי, מצד די שקו"ט ופלפול כו', און הלכה דוקא כמותה, וביחד עם זה האט מען אין תלמוד בבלי גופא די מעלה פון "אין תורה כתורת ארץ ישראל", ווייל דער לימוד תלמוד בבלי איז "כתורת ארץ ישראל".

ד. דערפון האט מען א הוראה ווי א איד דארף לערנען תורה - באופן פון "נוחין זה לזה", ו"דברי חכמים בנחת נשמעים", און ניט ח"ו ווי אנדערע פירן זיך, ר"ל, באופן אז דאס ברענגט מחלוקת און היפך אהבת ישראל, היפך בתכלית פון כל ענין התורה שניתנה לעשות שלום בעולם!

און זיי גייען נאך ארום און טענה'ן אז "מותר לאדם לשנות

---

25) רמב"ם סוף הל' חנוכה, ע"פ ספרי נשא ו, כו (מ"מ שם). וראה לקו"ש ח"ח ע' 349 ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

בדבר השלום"[26] – ווען באמת איז זייער עצם הנהגה היפך השלום, און נאך מער: מותר לשקר מפני השלום*[26] – ווען זייער גאנצע הנהגה איז היפך השלום!

און בשעת מ'נוצט תורה אויף היפך השלום ווערט זי ר"ל היפך פון "סם חיים"[27]! מ'נעמט ר"ל תורה און אנשטאט נוצן זי פאר א "סם חיים" – באלעבן אידן און דעם גאנצן ארום, נעמט מען די תורה און מ'נוצט זי אויף היפך פון "סם חיים"...

תורה זאגט אז "תיכף לתלמידי חכמים ברכה"[28], און "דברי חכמים בנחת נשמעים" (כנ"ל), איז פארשטאנדיק אז א תלמיד חכם איז דוקא דער וואס פירט זיך מיט אהבת ישראל; און אויב ע"י תורתו קומט ארויס היפך הברכה און היפך פון "בנחת נשמעים" – איז ער ניט קיין תלמיד חכם! און דא מיינט מען חכם בחכמה האמיתית – חכמת התורה, וואס איז געגעבן געווארן פון דעם אויבערשטן וואס ער איז טבע הטוב ומטבע הטוב להיטיב[29].

נוסף לזה וואס עס שטייט אין תושב"כ – וואס אפילו הצדוקים מודים בה[30], עאכו"כ אידן – "ואברכה מברכיך" און דער היפך דערפון[31]...

במילא איז מוכרח בכלל, ובפרט בלימוד התורה – אז ס'זאל זיין שלום, און ניט ח"ו מחלוקת והיפך האהבה.

ה. וויבאלד אז ס'איז שבת, איז ניט קיין צייט צו מצער זיין אידן מיט די דברים המצערים ועניני מלחמה, נאר דעמולט דארף זיין שלום ומנוחה.

סיידן מ'איז ממשיך (בשבת) א מלחמה וואס האט זיך אנגעהויבן פאר שבת[32], אדער א מלחמת מצוה, וואס דער צד שכנגד איז צר על עיירות ישראל, ער מאכט ענג אידישקייט ובמילא אידן, זאגט דעמולט תורה אז דאס איז א מלחמת מצוה צו לוחם זיין קעגן דעם צר – איז צו אזא מלחמה דארף מען ארויסגיין אפילו בשבת[33].

אבער די יציאה למלחמה איז באופן פון "כי תצא למלחמה על

---

26) יבמות סה, ב. וראה אנציקלופדי' תלמודית ע' הבאת שלום ס"ג. וש"נ. וראה חסדי עולם (מרגליות) לס' חסידים סי' תתרסא. *26) מס' דא"ז פי"א. 27) יומא עב, ב. 28) ברכות מב, א. תדא"ר פ"כ. 29) עמה"מ ע' שעשועי המלך רפ"א. שעהיוה"א פ"ד. שומר אמונים ויכוח ר' ס' יד. וראה ד"ה אתה אחד לאדמו"ר האמצעי (קה"ת תשכ"ה) ע' ד, ובהערה שם. 30) סנהדרין לג, ב ובפרש"י שם. ובכ"מ. 31) לך לך יב, ג. 32) שבת יט, א. רמב"ם הל' שבת פ"ב פכ"ה. הל' מלכים פ"ו הי"א. 33) ירושלמי שבת פ"א ה"ח. רמב"ם הל' שבת שם, ובכ"מ. ולח"מ שם.



SichosKodesh.com

אויביך״34, די יציאה מלכתחילה איז באופן אז ער שטייט העכער – ״על אויביך״, און ״ונתנו ה׳ אלקיך בידך״34, באופן של נתינה דכל הנותן בעין יפה נותן35, און דאס קומט דוקא פון ״ה׳ אלקיך״, ניט ״בכחי ועוצם ידי״36, אפילו אזא וואס האט שטארקע כחות, איז דאס ניט מצד זיינע כחות, נאר ״ונתנו ה׳ אלקיך בידך״.

ועד״ז בנדו״ד: די מחלוקת און היפך ״סם חיים״ פון די וואס נוצן תורה אויף היפך השלום – וועט זיכער קיין אידן ניט שאטן, ניט אים און ניט בני ביתו, עאכו״כ די וואס האלטן זיך אן אין דער ״קליאמקע״ פון דעם אלטן רבי׳ן, וואס ער איז מבאר בארוכה אין פרק לב דתניא גודל הענין דשלום ואהבת ישראל. און ס׳וועט ניט בלייבן קיין רושם פון מחלוקת ומלחמה כו׳. אדרבה: דער איינציקער רושם וואס וועט דערפון בלייבן וועט זיין דער ״כן ירבה וכן יפרוץ״ וואס קומט ארויס דורך ״כאשר יענו אותו״37.

ו. און אויך די אידן וואס יצרם אנסם און זיי זיינען נכשל געווארן מיט דער הנהגה – האט מען די הבטחה אז לא ידח ממנו נדח38, וועלן זיי סו״ס תשובה טאן.

– די וואס האבן שוין נעכטן תשובה געטאן – אשרי חלקם. די וואס האבן היינט תשובה געטאן – אשרי חלקם. און אלע אנדערע וועלן זיכער תשובה טאן, און אויך פועל׳ן אויף זייערע תלמידים, וועמען זיי האבן מחנך געווען בדרך זה, אז זיי זאלן תשובה טאן וכו׳.

און דערביי האט מען אויך די הוראה פון דעם אלטן רבי׳ן בספר התניא שלו:

א איד קען מיינען אז ס׳איז אן עבודה קשה ער זאל תשובה טאן אויף א הנהגה שלו אין וועלכער ער האט זיך איינגעוואוינט. ברענגט דער אלטער רבי אין שער-בלאט פון ספר התניא דעם פסוק מפורש בתורה39 ״כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו״, און זאגט אז ספרו לקוטי אמרים איז מיוסד על פסוק זה, ״לבאר היטב איך הוא קרוב מאד בדרך ארוכה וקצרה בעזה״י״:

א איד זאל ניט מיינען אז עבודת התשובה (ושאר העבודות) איז שווער פאר אים צו טאן, ווייל – ״קרוב אליך הדבר מאד״. אפילו אויב ער איז געבארן געווארן במזל מאדים וואס דעמולט איז תכונה שלו היפך הרחמים (ווי די גמרא זאגט במסכת שבת40), און הרגל שלו

---

34) ר״פ תצא. 35) ראה ב״ב נג, א. וש״נ. 36) עקב ח, יז. 37) שמות א, יב. 38) ע״פ ש״ב יד, יד. 39) נצבים ל, יד. 40) שבת קנו, א.

איז געווארן בהנהגה בלתי טובה, והרגל נעשה טבע שני[41], ביז ווי די צווייטע גירסא[42] הרגל נעשה טבע - איז אפילו אין אזא פאל איז עבודת התשובה ותומ"צ בכלל אויך ביי אים "קרוב אליך...מאד".

און "קרוב אליך הדבר מאד" - "בפיך ובלבבך לעשותו": זיין תשובה דארף ארויסקומען בדיבור ("בפיך"), ער דארף מודה זיין בפה מלא אויף דעם וואס ער האט געטאן און תשובה טאן אויף דעם. און ניט בלויז מודה זיין "בפיך" כלפי חוץ, ווייל מ'האט אים מכריח געווען, נאר אויך "בלבבך" - מיט זיין גאנצער הארץ, און "לבבך" מיט צוויי בי"ת'ין. און "לעשותו" - אפילו אויב עשיית התשובה אויף דער הנהגה איז נגד טבעו, ווייל הרגל נעשה טבע (שני) - איז ער זיך כופה, עשי' (לעשותו) מלשון כפי'[43] [וואס דאס איז דער אויפטו פון לשון עשי' (אויף לשון בריאה אדער יצירה) - מלשון כפי'].

און אפילו אויב ער מיינט אז דאס איז א "דרך ארוכה", זאגט מען אים אז אויב ער לאזט זיך אריין אין דעם דרך, וועט עס זיין "דרך קצרה". און דערצו "בעזה"י": ער האט עזר וסיוע פון דעם אויבערשטן. וואס דאס שרייבט אפילו דער אלטער רבי - אע"פ וואס ער איז געווען א נשמה חדשה[44], האט ער זיכער געהאט אלע כחות כו' - אעפ"כ שרייבט ער "בעזה"י", אז מ'דארף האבן עזר וסיוע פון דעם אויבערשטן. עאכו"כ אז אנדערע אידן דארפן האבן און האבן בפועל עזר השי"ת בעבודתם.

און דערנאך - בתחלת גוף ספר התניא - איז דער אלטער רבי נאך מוסיף "משביעים אותו תהי צדיק ואל תהי כו'": אפילו קודם שנולד איז מען שוין משביע א אידן, משביע מלשון שובע - מ'זעטיקט אים אן מיט אלע כחות, כחות וואס ווערן נמשך פון עצמותו ית', כביאור הצ"צ בענין זה[45]. במילא האט ער זיכער כחות במשך כל החיים שלו צו טאן עבודתו, כולל עבודת התשובה.

ז. לאחר מאמר המוסגר - איז היות אז איצטער האט זיך אפגעדרוקט א תניא בזמן גרמא (בסמיכות ליו"ד שבט) ובמקום גרמא (בשכונה זו) - איז מתאים איצטער צו אנהויבן לערנען אן ענין בתניא זה.

וועלכן ענין בתניא זאל מען לערנען? איז בשעת מ'שטייט ביום ההילולא, איז פשוט אז ס'איז מתאים צו לערנען אין ספר התניא וואו דער אלטער רבי רעדט וועגן הסתלקות והילולא פון א צדיק -

---

41) שבילי אמונה נ"ד ש"ב. פחד יצחק בערכו. וראה תניא ספי"ד. פס"ו (כא, א). 42) תניא פמ"ד (סג, ב). 43) לקו"ת בחוקותי מח, א. ובכ"מ. 44) ס' השיחות תש"ה ע' 127 ואילך. 45) בקיצורים והערות לספר התניא ע' מח, ואילך.



SichosKodesh.com

סימן ז״ך וסימן כ״ח אין אגרת הקודש [וואס די אגרות זיינען אריינגעשטעלט געווארן בספר התניא ע״י בני הגאון המחבר, און אין סדר ומספר דאגרות אלה איז קיינמאל ניט געווען קיין שינוי; ניט ווי בקונטרס אחרון וואו ס׳זיינען געווען, ווייזט אויס, שינויים].

ח. אגה״ק סימן ז״ך הויבט דער אלטער רבי אן מיט: "אהוביי".

וואס בזה איז מודגש דער ענין פון אהבת ישראל. און דערמיט הויבט ער אן, ווייל אהבת ישראל ("ואהבת לרעך כמוך"[46]) איז אן ענין הכי עיקרי וכללי בתורה, און ניט סתם כלל בתורה, נאר "כלל גדול בתורה"[47]. נאכמער: "וזהו כל התורה כולה ואידך פירושה הוא"[48]. ד.ה. אלע חלקי התורה זיינען א פירוש אויף אהבת ישראל. וכמבואר בתניא פרק לב.

אין אהבת ישראל גופא זיינען פאראן דרגות. איז דער אלטער רבי ממשיך: "אהוביי אחיי ורעיי אשר כנפשי וכו׳", אז די אהבה איז ניט סתם ווי צו א פרעמדן, נאר אהבה צו "אחיי ורעיי אשר כנפשי", און "וכו׳" וואס איז כולל שאר כל הדרגות בזה.

ווייטער איז ער ממשיך: "ה׳ עליהם יחיו חיים עד העולם וצאצאיהם אתם". וע״פ משנ״ת אין א פריערדיקער התוועדות[5] אז "וצאצאינו" איז כולל אלע צאצאים עד סוף כל הדורות, כפס״ד אדה״ז בשו״ע[49] ובסידורו - איז מובן אז אויך "וצאצאיהם אתם" איז כולל אלע צאצאים עד סוף כל הדורות.

און "וצאצאיהם אתם" איז מוסיף נאך א חידוש בזה: כאטש "צאצאיהם" איז כולל עד סוף כל הדורות, וואלט מען געקענט זאגן אז די צאצאים זיינען ניט צוזאמען און ווי זיינען אויף אן אנדער (נידעריקער) דרגא ווי דער ערשטער דור - איז "וצאצאיהם אתם" מדגיש אז "צאצאיהם" וועלן זיין "אתם", צוזאמען און אויף דער זעלבער דרגא ווי זיי (די אבות) אליין.

וי״ל אז "וצאצאיהם אתם" קומט בהמשך למ״ש לפנ״ז "אהוביי אחיי ורעי וכו׳": בשעת ס׳איז דא דער ענין פון אהבת ישראל, האט מען די ברכה אז "ה׳ עליהם יחיו חיים עד העולם וצאצאיהם אתם", אז צאצאיהם עד סוף כל הדורות וועלן זיין "אתם" (מיטן ערשטן דור).

ט. דערנאך איז דער אלטער רבי ממשיך שרייבן וועגן סיבת אגרת שלו (ניחום אבלים על הסתלקות צדיק): "באתי לדבר על לב נדכאים

---

46) קדושים יט, יח. 47) תו״כ ופרש״י עה״פ שם. 48) שבת לא, א. 49) או״ח רסמ״ז.

הנאנחים והנאנקים ולנחמם בכפליים לתושי'".

וי"ל אז דערמיט איז דער אלטער רבי זיי מסביר צוויי זאכן: אז עס דארף זיין צער על ההסתלקות; וביחד עם זה דערף מען וויסן אז "דאס ברענגט "כפלים לתושי'". דלכאורה ווי קומט עס אז א צדיק וגדול בנגלה דתורה וצדיק וגדול בפנימיות התורה זאל נסתלק ווערן, איז דאס בכדי עס זאל זיין "כפליים לתושי'".

דער לשון הכתוב[2] "כפליים לתושי'" שטייט אין מדרש[50] בנוגע צו תורה - וואס יעדער ענין הויבט זיך אן פון תורה - די לוחות: דער מדרש דערציילט אז "התחיל משה מצטער על שבור הלוחות, ואמר לו הקב"ה אל תצטער בלוחות הראשונות שלא היו אלא עשרת הדברות בלבד ובלוחות השניים אני נותן לך שיהא בהם הלכות מדרשות ואגדות, הה"ד[2] ויגד לך תעלומות חכמה כי כפליים לתושי'". דערפון איז דרך אגב מובן אז "כפליים לתושי'" מיינט לאו דוקא נאר צוויי מאל אזויפיל, נאר ס'קען מיינען באי"ע מערער.

דארף מען פארשטיין: משה האט זיך אליין געדארפט כאפן אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט אים דערנאך געזאגט אז בלוחות השניות וועט זיין די מעלה פון "כפליים לתושי'" - פארוואס איז ביי אים געווען א צער און דער אויבערשטער האט עס אים געדארפט מחדש זיין און דערמיט מנחם זיין?

אפילו אויב משה האט זיך אויף דעם ניט געכאפט, פארוואס דארף דער מדרש דערציילן בגנותו של משה און זאגן אז ער האט זיך מצטער געווען. מ'האט געקענט זאגן גלייך אז אע"פ וואס עס איז געווען שבירת לוחות הראשונות, איז בא די לוחות שניות געווען "כפליים לתושי'"?

איז דערפון גופא מובן, אז א חלק פון דעם לימוד והוראה ממדרש זה איז - אז שבירת הלוחות דארף ארויסברענגען צער. ד.ה. אע"פ וואס די תוצאה מזה איז "כפליים לתושי'", איז אבער די עצם מציאות פון שבירת הלוחות דארף ארויסברענגען צער.

עד"ז בנדו"ד (באגה"ק): הסתלקות הצדיק דארף ארויסברענגען צער. ובמכ"ש וק"ו: מה-דאך אז אויף הסתלקות פון יעדן אידן זאגט מען אז ס'איז בדוגמת ספר תורה שנשרף[51], עאכו"כ א צדיק.

איי מ'זאגט אז דערפון קומט ארויס "כפליים לתושי'" - האט דאך דער אויבערשטער כמה דרכים, און ער האט געקענט ברענגען

---

50) שמו"ר ר"פ מו. 51) מו"ק כה, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

"כפליים לתושי'" אָן הסתלקות. ואפילו את"ל אז דאס איז דער איינציקער וועג לזה – איז צי דען מינערט עס דער צער אויף ספר תורה שנשרף בשעת מ'ווייסט אז מ'וועט האבן נאך צוויי, דריי, פיר און נאכמער ספרי תורה?!

עאכו"כ ווען מ'רעדט וועגן התסלקות הצדיק, וואס כאטש ס'וועט זיין "כפליים לתושי'", און דער צדיק באקומט שכר למעלה וכו' – וויל מען אבער האבן און מ'דארף האבן דעם צדיק למטה בעוה"ז נשמה בגוף, במילא האט מען צער ווען ער ווערט נסתלק למעלה.

[עד"ז בנוגע כללות ענין הגלות: אע"פ וואס ירידה צורך עלי', דארף זיך א איד מצטער זיין אויפן גלות, און ניט ח"ו זיין צופרידן דערמיט און טענה'ן אז ס'איז אים גוט אין גלות ר"ל].

לאידך גיסא – טאר ער ניט אריינפאלן אין יאוש צוליב צער ההסתלקות, ווייל דורך דעם קומט ארויס "כפליים לתושי'".

ואדרבה: ע"י הצער על זה קומט "כפליים לתושי'".

י. ויש לקשר זה מיט סימן האגרת – "ז"ך" (ווי אויסגעשטעלט פון בני הגאון המחבר):

"זך" אנטהאלט אין זיך א דבר והיפוכו: ס'איז ניט שייך זאגן "זך" סיידן אויף א זאך וואס איז בגדר (און איז פריער געווען) היפך הטהרה. לאידך גיסא זאגט מען אז איצטער איז דאס א דבר זך.

ע"ד "שמן זית זך כתית למאור"[52]: "שמן זית זך" איז מדגיש אז ס'איז שייך אז דער שמן זית זאל זיין אויסגעמישט מיט שאלעכץ (פון דעם זית), זאגט מען אז עס דארף זיין (ניט נאר "שמן זית", נאר) "שמן זית זך". כידוע[53] אז אין שמנים גופא זיינען פאראן כמה דרגות בזכות, שלישי שבשלישי ביז ראשון שבראשון וכו'.

און דורך דעם וואס מ'האט "שמן זית זך" קען מען עס נוצן "למאור" – אין דער מנורה אויף צו באלייכטן דעם ארום.

קומט אויס אז "זך" איז מדגיש ע"ד הענין פון "יתרון האור מן החושך"[54]: מ'נעמט שמן זית וואס קען זיין צוזאמענגעמישט מיט ענינים הפכיים (שאלעכץ כו'), און מ'מאכט עס זך, און דערפון קען מען עס נוצן "למאור", אור, און ניט נאר יתרון האור, נאר מאור.

---

52) ר"פ תצוה. 53) מנחות פו, א (במשנה). רמב"ם הל' איסורי המזבח פ"ז ה"ח ואילך. 54) ל' הכתוב – קהלת ב, יג.

הנחת הת' בלתי מוגה

זעט מען אז אין "זך" איז מודגש המדובר אין אגה"ק סימן "זך": אז פון הסתלקות הצדיקים (א ירידה) ווערט "כפליים לתושי'", יתרון האור מן החושך.

יא. נאך סימן ז"ך קומט סימן כח וואו דער אלטער רבי איז ממשיך רעדן וועגן הסתלקות הצדיק. און דא איז ער מוסיף (בין השאר) נאכמער הדגשה אין די מעלה פון יתרון האור מן החושך וואס קומט ארויס ע"י הסתלקות הצדיק:

ער איז מסביר אין דער אגרת (ע"פ דברי רז"ל[55]) די שייכות וסמיכות פון הסתלקות הצדיקים מיט פרה אדומה, "מה פרה מכפרת" (ובסיום האגרת ברענגט ער די גירסא ובילקוט פ' שמיני – "מי חטאת") אזוי איז מיתת צדיקים מכפר: אזוי ווי פרה אדומה (מי חטאת) מכפרת און טוט אויף טהרת אבי אבות הקליפות (וואס איז "למטה מטה מנוגה", משא"כ הקרבת קרבנות על גבי המזבח איז נאר מברר ק"נ), אתהפכא חשוכא לנהורא, אזוי אויך דורך הסתלקות הצדיקים ווערט כפרה ואתהפכא חשוכא לנהורא, אויך פון זדונות כו'.

זעט מען באגרת זו נאכמער הדגשה אויף יתרון האור מן החושך וואס ווערט אויפגעטאן ע"י הסתלקות הצדיק, בדוגמא ווי די עלי' הבאה ע"י פרה אדומה, מי חטאת.

וידוע דער גודל העילוי פון פרה אדומה ומי חטאת – כדברי המשנה[56] אז עס זיינען פאראן חמשה דרגות – חולין, מעשר, תרומה, קודש, און חטאת איז די דרגא חמישית, דרגא הכי עליונה [ע"ד "החמישית לפרעה"[57], "אתפריעו כל נהורין"[58]].

ובעבודה רוחנית מיינט עס: לאחרי דער עבודה פון אידן בד' גליות, וועט מען קומען צו דער דרגא חמישית בימות המשיח, כידוע וואס עס שטייט אין מדרש[59] (בדרך סיפור, אבער דערפון קען מען אפלערנען א לימוד), אז די פרה העשירית וועט מען האבן דוקא לימות המשיח, ומשה ואהרן עמהם[60]. וואס עפ"ז מובן אז דער פרה העשירית האט א שייכות מיוחדת דוקא מיט דער עלי' בימות המשיח:

בנוגע לשאר הקרבנות (במיוחד בנוגע קרבן פסח) איז דא א שקו"ט אין פוסקים[61], און עס זיינען דא די וואס קומען למסקנא, אז

---

55) מו"ק כח, א. 56) חגיגה יח, ריש ע"ב. 57) ויגש מז, כד. 58) ראה זח"א רי, א. וראה לקו"ת שה"ש ו, ד. כב, ד. 59) יל"ר ר"פ חוקת. רמב"ם סוף הל' פרה אדומה ספ"ג. 60) תוד"ה אחד – פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב. 61) ספרים שנסמנו בשד"ח כללים סוף מע' ק'. תו"ש בא (חי"ב) ע' קנה. וראה לקו"ש חי"ב ע' 220.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אז מ'קען מקריב זיין קרבנות בזמן הזה (ווי שוין געבראכט אין ספרי ראשונים ואחרונים), משא"כ פרה אדומה העשירית וועט זיין ערשט לימות המשיח (ניט פריער).

יב. ויש לקשר זה מיט סימן האגרת - "כח":

ס'איז מבואר בכ"מ - אויך אין פרק י"ד פון דעם המשך ההילולא באתי לגני (המתאים לשנה זו), ובארוכה אין דעם מיטעלן רבי'ס מאמרים[62] - דער ענין פון אור חיות וכח, און בחי' כח איז זיך מתלבש בפנימית, און דערפאר איז די התלבשות פועל א שינוי והתפעלות (משא"כ בבחי' אור איז ניטא שינוי והתפעלות כלל).

ובאותיות אחרות מיינט עס, אז כח איז א דרגא אין אלקות וואס איז יורד ומתלבש בפנימיות אין די דרגות הכי תחתונות בכדי דארטן צו אויפטאן א בירור, ביז אז זיי פועל'ן אין אים אליין א שינוי כביכול, כמ"ש[63] "חמוץ בגדים מבצרה גו' וכל מלבושי אגאלתי גו'", "עמו אנכי בצרה"[64].

והצורך בירידה והתלבשות זו איז, דלכאורה אפילו אויב ער בלייבט בבחי' אור וועט מען דאך אים ח"ו ניט חושד זיין אז ער וועט ניט אויפטאן ככל הדרוש אין דעם בירור המטה? איז הביאור בזה: ע"פ תורה בשעת איינער איז א נוגע בדבר, עס רירט אים אליין אן, טוט ער גאר באופן אחר לגבי ווי בשעת ער שטייט למעלה מהדבר.

וואס דאס איז דער תוכן פון אגרת סימן כח - אז ע"י הסתלקות הצדיקים (אזוי ווי ע"י פרה אדומה) ווערט די התלבשות ובירור פון די דרגות הכי תחתונות, און דורך דעם ווערט יתרון האור מן החושך.

יג. המדובר לעיל באגה"ק פון דעם אלטן רבי'ן בקשר מיט הסתלקות הצדיק - איז שייך במיוחד צו היינטיקן יום הסתלקות פון דער בעל ההילולא פון יו"ד שבט:

ביי אים איז געווען במיוחד די הדגשה צו אויפטאן יפוצו מעינותיך חוצה אין דעם חוצה שאין חוצה ממנה, בכדי צו אויפטאן דער בירור דמטה מטה.

און די עבודה שלו איז אויך מרומז בשמו אשר יקראו לו בלה"ק[65]:

---

62) אמרי בינה שער הק"ש פ"ב ואילך. 63) ישעי' סג, א. ג. 64) תהלים צא, טו. 65) ראה שעהיוה"א פ"א. לקו"א להה"מ (הוצאת קה"ת) סי' רמד. וראה לקמן בהמאמר ד"ה באתי לגני.

הנחת הת' בלתי מוגה

"יוסף" – על שם "יוסף הוי' לי בן אחר"[66], כידוע הפירוש בזה[67] אז פון דעם "אחר" מאכט מען א "בן".

"יצחק": לע"ל יאמרו ליצחק דוקא "כי אתה אבינו" (ולא לאברהם ולא ליעקב)[68], כמבואר בתורה אור[69] דער טעם לזה, ווייל לע"ל איז פארבונדן מיטן עילוי פון לאתבא צדיקיא בתיובתא[70], עאכו"כ תשובה בא בינונים [וואס ספר התניא איז ספר של בינונים], עאכו"כ בא רשעים (א רשע שאינו גמור אדער אפילו א רשע גמור), וואס אויך בא זיי איז לא ידח ממנו נדח – דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא, וואס דאס איז עיקר עבודת יצחק. (און דאס איז פארבונדן מיט די עבודה פון פרה אדומה וואס וועט זיין דוקא לע"ל (פרה העשירית)).

וואס דאס איז אויך כולל אז פון דער מלחמה ומחלוקת הנ"ל (פארבונדן מיט אויסנוצן תורה אויף היפך השלום כו') בלייבט ניט קיין רושם, נאר – דער יתרון האור מן החושך, "כן ירבה וכן יפרוץ".

יד. ובזמן הזה (לאחרי וואס ס'איז שוין געווען גלות מצרים) האט מען די הבטחה אז ס'וועט מערניט זיין דער ענין פון "עבודת פרך" כפשוטה, "בחומר ובלבנים"[71] כפשוטן, ועד"ז מלחמה ומחלוקת כפשוטן, נאר מ'איז דאס יוצא דורך יגיעה בלימוד התורה – "בחומר דא קל וחומר, בלבנים דא ליבון הלכתא כו'"[72], כמבואר בתורה אור[73].

און דורך דעם ווערט בדרך ממילא אויפגעטאן נצחון המלחמה, כולל מלחמת עמלק, "מלחמה לה' בעמלק מדור דור"[74], מ'איז מבטל די קרירות פון עמלק, ביז אז מ'איז דאס מהפך, אתהפכא חשוכא לנהורא.

און מ'קומט צו "מלחמת עמלק מדור דור", דרא דמשיחא (ווי עס שטייט אין תרגום[75]).

און פון "דבר ה' זו הלכה"[76], אז מ'האלט זיך מיט פסק ההלכה בתורה, און ניט מ'איז לוחם ר"ל קעגן דעם, קומט מען צו "דבר ה' זה הקץ"[76].

---

66) ויצא ל, כד. 67) אוה"ת ויצא רכ, א-ב. ויחי שפו, א ואילך. דש, א ואילך. ועוד. 68) ישעי' ס, ג. שבת פט, ב. 69) יז, ג. כא, ג. 70) הובא בלקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, סע"ב. וראה זח"ג קנג, ב. 71) שמות א, יד. 72) זח"ג קנג, א. 73) ר"פ שמות. 74) סוף פרשתנו. 75) יוב"ע. 76) שבת קלח, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ובמהרה בימינו ממש.

* * *

טו. ע"פ תורת הבעש"ט[77] אז יעדער זאך איז בהשגחה פרטית און מ'דארף דערפון ארויסנעמען א הוראה בעבודת ה' – דארף מען אויך ארויסנעמען א הוראה פון שם השכונה וואו מ'האט געדרוקט דעם תניא (וואו דער בעל ההילולא האט געוואוינט משך עשר שנים) – "קראון הייטס".

וכנ"ל דאע"פ וואס ס'איז א שם שניתן לשכונה זו ע"י גוים, און דער שם איז געווען איידער דער בעל ההילולא איז אהערצו געקומען – איז אבער לאחרי ווי דער בעל ההילולא איז אהער געקומען איז דאס געווארן מקומו, ער איז געווארן מרא דאתרא, און דער שם השכונה איז דאך בהשגחה פרטית[78] דארף א איד דערפון אפלערנען א הוראה.

טז. שם השכונה באשטייט פון צוויי ווערטער – "קראון הייטס" [און די מדפיסים האבן טאקע מכוון געווען און אזוי אפגעדרוקט שם השכונה אויפן שער בלאט].

"קראון" מיינט כתר. ווען מ'זאגט כתר ע"פ תורה – זאגט די משנה[79] וואס דאס מיינט: "שלשה כתרים הן כתר תורה וכתר כהונה וכתר מלכות". קומט אויס אז "קראון" (כתר) איז מדגיש אז עס דארף זיין דער ענין פון כתר – די דריי כתרים, כתר תורה כתר כהונה און כתר מלכות:

כתר תורה – מ'דארף לערנען תורה, נגלה דתורה און פנימיות התורה.

כתר כהונה – וואס "זכה בה אהרן"[80]: מ'דארף זיך פירן כתכונת אהרן הכהן, כהוראת המשנה[81] "הוי מתלמידיו של אהרן (כהן גדול) אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה", בפשטות – זיך פירן מיט אהבת ישראל. כמבואר בתניא פרק לב, ושם אז "אוהב את הבריות" מיינט "בריות בעלמא".

כתר מלכות – וואס "זכה בה דוד שנאמר[82] "זרעו לעולם יהי' גו'"[80]: אמונה בביאת דוד מלכא משיחא, "לישועתך קוינו כל

---

77) כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סי' קכז ואילך. וש"נ. 78) ראה הערה 1 ב"משיחת" ש"פ וארא. 79) אבות פ"ד מי"ג. 80) רמב"ם הל' ת"ת רפ"ג. לאדה"ז – רפ"ד. 81) אבות פ"א מי"ב. 82) תהלים פט, לז.

היום"[83].

ובג' כתרים אלו איז עיקר ההדגשה השייך לכאו"א אויף כתר תורה – ווי דער רמב"ם (און אלטער רבי) פסק'נט[80], אז כתר מלכות וכתר כהונה זיינען פארבונדן מיט תנאים ואנשים מיוחדים: כתר מלכות איז פארבונדן במיוחד מיט בית דוד; כתר כהונה – מיט יחוס (פון אהרן הכהן). משא"כ כתר תורה איז "מונח ועומד ומוכן לכל ישראל..כל מי שירצה יבוא ויטול". ובלשון אחר[84] אז תורה "כרוכה ומונחת בקרן זוית כל הרוצה ללמוד יבוא וילמוד". ער דארף נאר וויסן אז דער "קרן זוית" איז מקומו, דעמולט ווערט ער פארבונדן מיט דער תורה שמונחת בקרן זוית.

אבער "כתר תורה" איז פארבונדן און דארף אראפקומען אין מעשה בפועל – גדול תלמוד שמביא לידי מעשה[85], ובמיוחד – אין שלום ואהבת ישראל (כתר כהונה). כמאחז"ל[25] "כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם", און[86] "אם דומה הרב למלאך ה' צבאות יבקשו תורה מפיו, ואם לאו אל יבקשו תורה מפיו", ד.ה. אז דער רב המלמד תורה דארף זיך פירן באופן טוב מתוך אהבת ישראל (און ניט אז "יוצאין עליו שמועות רעות" – [87]), און אין אמונה בביאת המשיח (כתר מלכות), ביז ידיעה והכרה בזה – ווייל דאס איז א יסוד ועיקר בכל התורה כולה.

ד.ה. אז דער אבן הבוחן אויף "כתר תורה" איז בשעת דאס קומט אראפ אין "כתר כהונה" – שלום ואהבת ישראל, און "כתר מלכות" – אמונה וידיעה והכרה בביאת משיח.

יז. דערנאך גיט מען צו, אז שם השכונה איז (ניט "קראון" אליין, נאר) "קראון הייטס":

"הייטס" מיינט א מקום גבוה, אן עלי'. און "קראון הייטס" מיינט "הייטס" אין "קראון" גופא, ד.ה. אז אין "קראון" גופא ווערט אן עלי' והגבהה. וואס דאס איז המשך המשנה: לאחרי ווי מ'זאגט אז "שלשה כתרים הן כתר תורה וכתר כהונה וכתר מלכות", איז די משנה ממשיך "וכתר שם טוב עולה על גביהן". ד.ה. "הייטס" (אן עלי' והגבהה) אין "קראון" (אין כתר) – "כתר שם טוב עולה על גביהן".

דער לימוד בזה: נוסף צו לימוד התורה (כתר תורה), אהבת ישראל (כתר כהונה) און אמונה בביאת המשיח (כתר מלכות), דארף

---

83) נוסח תפלת שמו"ע. 84) קידושין סו, א. 85) שם מ, ב. 86) מו"ק יז, א. 87) רש"י שם.



SichosKodesh.com

זיין "כתר שם טוב" - בכל מקום זאל פארשפרייט ווערן זיין "שם טוב", די מעשים טובים וואס ער טוט.

נאכמער: "קראון הייטס" איז איין נאמען, ד.ה. אז דער "קראון" (כתר) און דער "הייטס" (די עלי׳ בזה גופא - "כתר שם טוב עולה על גביהן") דארף קומען צוזאמען (ניט ווי באזונדערע זאכן, לימוד התורה, אהבת ישראל און אמונה בביאת המשיח און אן ענין בפ"ע - כתר שם טוב") - ובהקדים:

ס׳איז ידוע די שאלה[88] במשנה זו: וויבאלד די משנה רעכנט אויס פיר כתרים - האט די משנה געדארפט אנהויבן ניט "שלשה כתרים הן", נאר "ארבעה כתרים הן", און דערנאך אויסטייטשן אז "כתר שם טוב" איז עולה על גבי די אנדערע דריי כתרים?

איז איינער פון די ביאורים בזה:

"כתר שם טוב" איז אויסגעטיילט פון די אנדערע כתרים דערמיט וואס ער קומט ניט אלס א כתר לעצמו. ד.ה. אז דער "שם טוב" קומט ניט אלס אן ענין באזונדער פון תורה, אהבת ישראל און אמונה בביאת משיח, לדוגמא - אז ער האט א "שם טוב" דערפאר וואס ער האט משחד געווען די צייטונגען מ׳זאל וועגן אים שרייבן, און אז די ממשלה זאל אים לויבן און פאטשן אויף דער פלייצע וכיו"ב,

נאר דער "שם טוב" קומט אלס תוצאה והמשך פון די ערשטע דריי כתרים, ער איז "עולה על גביהן". ד.ה. אז זיין "שם טוב" באשטייט דערפון וואס ער איז דורכגענומען מיט לימוד התורה (כתר תורה) ואהבת ישראל (כתר כהונה) ואמונה בביאת משיח (כתר מלכות), עד כדי כך אז בכל מקום וואו ער קומט אן ובכל מקום שהוא קאכט ער זיך אין לימוד התורה, אהבת ישראל און אמונה בביאת משיח. און דעמולט גיט מען אים (ניט ער נעמט אליין) דעם "כתר שם טוב", אז "שם טוב" שלו ווערט פארשפרייט בכל מקום אז ער קאכט זיך בג׳ ענינים אלו.

ואדרבה: דער "כתר שם טוב" איז "עולה על גביהן": ס׳איז מיוסד אויף די ערשטע דריי כתרים, "על גביהן", אבער דער "כתר שם טוב" איז "עולה על גביהן", העכער פאר זיי.

און דאס איז דער באדייט פון שם השכונה "קראון הייטס" אלס איין נאמען, אז מ׳האט אלע דריי כתרים, כתר תורה, כתר כהונה וכתר מלכות, וביחד עם זה ובהמשך לזה האט מען אויך דעם "הייטס"

---

88) מדרש שמואל. וראה לקו"ש ח"ד ע׳ 1214 ואילך.

אין דעם "קראון" – דעם "כתר שם טוב עולה על גביהן", ווי דאס קומט אלס איין זאך (איין נאמען) מיט "קראון".

יח. ויה"ר אז הדפסת התניא בשכונה זו בתוך שאר תומ"צ וואס מ'איז מקיים בשכונה זו, די שכונה וואו דער בעל ההילולא האט געוואוינט עשר שנים האחרונות בעלמא דין, וואו ס'איז געווען ביהכנ"ס וביהמ"ד שלו – זאל נאכמער צואיילן אז די בתי כנסיות ובתי מדרשות שבחוץ לארץ, כולל ביהכנ"ס וביהמ"ד פון דעם בעל ההילולא, און די גאנצע שכונה "קראון הייטס" וועלכע איז א טפל צו ביהמ"ד וביהכנ"ס זה – וועט איבערגעפלאנצט ווערן אין ארץ ישראל[89],

ו"הקיצו ורננו שוכני עפר"[90], ובתוכם דער בעל ההילולא וכל הנשיאים שלפניו, ביז דער אלטער רבי וכו', נשמות בגופים,

במהרה בימינו ממש.

* * *

יט. ע"פ תורת אדה"ז הידועה[91] אז מ'דארף לעבן מיט דער צייט, מיטן שיעור חומש פון פרשת השבוע והיום וואס מ'לערנט אין דער צייט – דארף מען אויך לעבן און ארויסנעמען א הוראה בחיים פון היינטיקן שיעור חומש – שביעי ביז סוף פרשת בשלח.

בתחלת השיעור חומש[92] רעדט זיך וועגן דער מעשה פון מי מריבה: "ויסעו כל עדת בני ישראל גו' ויחנו ברפידים ואין מים לשתות העם גו' ויצעק משה אל ה' לאמר מה אעשה לעם הזה עוד מעט וסקלוני. ויאמר ה' אל משה גו' ומטך גו' קח בידך והלכת גו' והכית בצור ויצא ממנו מים ושתה העם גו' ויקרא שם המקום מסה ומריבה על ריב בנ"י ועל נסותם את ה' לאמר היש ה' בקרבנו אם אין". בהמשך לזה דערציילט די תורה וועגן מלחמת עמלק: "ויבוא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים"[93], ביז דעם סיום "מלחמה לה' בעמלק מדור דור".

זיינען חז"ל[94] מסביר: "אין רפידים אלא רפיון ידים, לפי שרפו ישראל ידיהם מדברי תורה לכך בא שונא עליהם (עמלק) לפי שאין השונא בא אלא על רפיון ידים מן התורה".

וואס עפ"ז איז מובן סמיכות הפרשיות (פרשת עמלק און פרשת

---

89) מגילה כט, א. 90) ישעי' כו, יט. 91) "היום יום" ב' חשון. ס' השיחות תש"ב ע' 29 ואילך. 92) שם יז, א ואילך. 93) שם, ח. 94) מכילתא, תנחומא (כה) ויל"ש במקומו. סנהדרין קו, א וברש"י שם ד"ה מפני.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

מי מריבה), ווי אויך רש"י[95] איז מסביר: "סמך פרשה זו למקרא זה לומר תמיד אני ביניכם ומזומן לכל צרכיכם ואתם אומרים היש ה' בקרבנו אם אין, חייכם שהכלב בא ונושך אתכם ואתם צועקים אלי ותדעון היכן אני כו'".

שטעלט זיך דערויף דער בעל ההילולא[96] און איז מבאר דעם ענין פון "רפיון ידים, שרפו ישראל ידיהם מדברי תורה כו'", דלכאורה פאסט ביי תורה דער ענין פון שכל, ניט ידים, און וואס איז בכלל דער ענין פון "רפיון ידים".

און ער איז מבאר אז עיקר לימוד התורה דארף זיין על מנת לעשות ולקיים, ד.ה. מקיים זיין דאס וואס מ'לערנט און דער לערנען איז אויף צו וויסן וואס מ'דארף טאן. דערפאר נוצט מען דא דעם לשון "ידים" (ניט שכל), ווייל ענינם (פון די ידים) איז מעשה - ווי תורה קומט אראפ אין עשי' בפועל, און בשעת די תורה קומט אראפ בידים שלו, בעשי' בפועל, אין א "בכן", איז דאס דער אבן הבוחן אז לימוד התורה שלו (בשכל) איז געווען כדבעי.

בשעת אבער "רפו ישראל ידיהם מדברי תורה", מ'ווערט שוואך אין עיקר התורה, על מנת לעשות ולקיים, דעמולט "נותנים ח"ו מקום לעמלק שבא ללחום עם ישראל, וכמ"ש[97] הקול קול יעקב והידים ידי עשו, דכאשר אין קולו של יעקב נשמע בבתי כנסיות ובבתי מדרשות כו' אז ח"ו ידיהם של עשו שולטות כו'", ס'איז דא א נתינת מקום אז ידי עשו זאלן מאיים זיין יעקב'ן, אדער נאכמער - מרים זיין ידו אויף יעקב'ן [וואס אפילו "המגבי' ידו על חבירו" זאגט דאך תורה וואס ער איז[98]]. אנשטאט דעם אז ער זאל אויסנוצן ידים שלו אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט זיי באשאפן, צו זיין א יד המחלקת צדקה (כמבואר בתניא[99]), ווערט ביי אים "רפיון ידים", און ער נוצט דעם "גראבן פינגער" ניט אויף לימוד התורה, נאר קעגן א צווייטן ר"ל...

משא"כ בשעת יעקב איז מתחזק בקולו בלימוד התורה (הקול קול יעקב) איז ניטא קיין מקום אויף "ידים ידי עשו".

כ. דערפון איז דער לימוד:

די תורה פון א אידן דארף אראפקומען בידים שלו, אין מעשה בפועל (לימוד על מנת לעשות ולקיים), און מעשה בפועל גופא ניט

---

95) פרשתנו שם. 96) ד"ה ויבוא עמלק תש"ט (סה"מ תש"ט ע' 34 (השני) ואילך). וראה סד"ה ויאמר משה ליהושע תש"ט. סד"ה ויבוא עמלק תש"ט. 97) תולדות כז, כב. ב"ר פס"ה, כ. 98) סנהדרין נח, ב. רמב"ם הל' חובל ומזיק פ"ה ה"ב. וראה פרש"י עה"פ שמות ב, יג. 99) פכ"ג (כח, ב).

הנחת הת' בלתי מוגה

באופן פון "רפיון ידים", נאר מיט א קאך כו'.

דלכאורה קען דאך א איד טענה'ן: וואס איז אזוי נוגע בתורה פועל ממש (ידים)? תורה איז דאך חכמתו של הקב"ה, און אורייתא וקוב"ה כולא חד[100] (ווי דער אלטער רבי איז מבאר בתניא[101] מעלת התורה על מצוות), הערנט וואס איז דא אזוי נויטיק די עשי' בפועל? זאגט מען אים אז עיקר לימוד התורה איז על מנת לעשות ולקיים, און דאס איז די בחינה אז די תורה איז זיין תורה, משא"כ בשעת ביי אים איז ניטא מעשה בפועל (ידים), אדער מעשה בפועל באופן פון "רפיון ידים", איז אע"פ וואס ער איז מקיים שו"ע וכו', איז די תורה ניט נקראת על שמו.

און דוקא בשעת ער האט די "ידים", באווארנט עס אז עמלק און "ידים ידי עשו" זאלן זיך ניט קענען טשעפען מיט אים.

כ. וישׁ להוסיף בזה דעם קשר פון הנ"ל מיט דער מעשה פון מי מריבה ברפידים, וואו ס'האט זיך אויסגעדריקט דער "רפו ישראל ידיהם מדברי תורה", און דעם נס שלאח"ז אז "והכית בצור ויצאו ממנו מים":

אע"פ וואס "וירב העם עם משה", "וילן העם על משה", און "רפו ישראל ידיהם מדברי תורה", ביז אז משה האט גע'טענה'ט אז ער קען זיך מיט זיי ניט איינקערן, "ויצעק משה אל ה' לאמר מה אעשה לעם הזה עוד מעט וסקלוני", במילא פארוואס זאל ער מיט זיי גיין טאן - אעפ"כ זאגט אים דער אויבערשטער אז ער קען און דארף אראפגיין למדריגתם (די מדריגה פון "ידים", און "רפיון ידים") בכדי אויפטאן מיט זיי - "עבור לפני העם וקח אתך מזקני ישראל ומטך גו' קח בידך והלכת", און דעמולט איז "והכית בצור ויצאו ממנו מים".

ד.ה. כנ"ל: עס טאר ניט זיין "רפו ישראל ידיהם מדברי תורה", משה קען זיך ניט אפזאגן פון צו טאן מיט די אידן, נאר ער דארף גיין מיט זיי טאן בפועל ממש, "קח (את המטה) בידך והלך" (היפך רפיון ידים), ווייל עיקר התורה איז על מנת לעשות ולקיים.

און דאס איז אויך דער לימוד פון דער עצם זאך וואס דער אויבערשטער האט משה'ן געזאגט ומטך גו' קח בידך והלכת גו' והכית בצור ויצאו ממנו מים", און דאס וועט פועל'ן אויף די אידן.

דלכאורה דארף מען פארשטיין: פארוואס איז דער נס געווען אז

---

100) ראה זח"א כב, א. זח"ב ס, א. תקו"ז תי' ו ותי' כב. 101) שם (כח, א ואילך). וראה שם פל"ז (מט, א).

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

דוקא פון צור איז ארויס מים - א צור ע"פ טבע האט דאך אין זיך ניט קיין מים, ואדרבה: פון א צור קען מען ארויסבאקומען אש (דורך קלאפן (ניט אום שבת גערעדט) איין צור אין א צווייטן, אדער ברזל אין א צור, קומען ארויס ניצוצות אש פון וועלכע מ'צינדט אן פייער), היפך פון מים; ולאידך זיינען דא כמה אבנים וועלכע האבן אין זיך מים - פארוואס איז דער נס דא געווען אז דוקא פון א צור (וואס איז היפך המים) זאל ארויסקומען מים?

נאר דערפון איז דער לימוד: אפילו אויב מ'האט צו טאן מיט איינעם וואס איז בבחי' צור, ער האט ניט אין זיך (בגלוי) קיין מים, ואדרבה - ער איז גאר היפך המים, ביז אז "רפו ידיהם מדברי תורה", קען מען דאך מיינען אז מ'קען מיט אים ניט אויפטאן.

זאגט דער אויבערשטער: "ומטך גו' קח בידך והלכת", ער זאל מיטנעמען מיט זיך דעם מטה אלקים בידו, ד.ה. (בעבודה רוחנית) דער תוקף (מטה, שענינו תוקף) פון תורה [וואס "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב", יעדער איד האט באקומען די תורה (ותוקף התורה) ביורשה פון משה], און "והכית בצור", ד.ה. הכאה בדיבור - דיבור של תורת משה, א דבר תורה - צו דעם וואס איז בבחי' צור, און דאס וועט זיכער פועל'ן "ויצאו ממנו מים", אז פון דעם אידן וואס ער איז געווען בבחי' צור זאל ארויסקומען "מים", ווייל מ'האט מגלה געווען די מים וואס איז ביי אים דא בפנימיות. ד.ה. אז אנשטאט ביי אים זאל זיין "רפין ידים מן התורה", וועט פון אים גיין "מים" בפועל; און ער וועט מקיים זיין תומ"צ בפועל ממש.

און דורך דעם וואס מען פועל'ט אז "מים" זאל ארויסקומען אויך פון די אידן וועלכע זיינען בבחי' צור, "רפו ידיהם מדברי תורה" - באווארנט מען אויך אז עמלק וידים ידי עשו זאלן ניט קומען שטערן די עבודה, כידוע אז ענינו פון עמלק איז קרירות וספיקות[102], ער וויל פועל'ן אז א איד זאל זיין בבחי' צור און אז עס זאל זיין "רפיון ידים" מן התורה - דערפאר באווארנט מען אנטקעגן עמלק'ן דורך "והכית בצור". און מ'פועל'ט בא די אידן וואס זיינען בבחי' צור און רפו ידיהם מדברי תורה אז פון זיי זאל ארויסקומען "מים", זיי זאלן תשובה טאן און מקיים זיין תומ"צ בשלימותם.

כא. ווערט די שאלה: אויב "רפידים" איז אזא מקום וואו "רפו ישראל ידיהם מדברי תורה" - פארוואס האט משה זיי אהינצו געבראכט, "לפני עור לא תתן מכשול"[103]?

---

102) ראה סה"מ עטר"ת ע' רצד. סה"מ תש"ט ע' 40. שם ע' 60. ועוד.

103) קדושים יט, יד.

מ'קען ניט ענטפערן אז דער ענן האט זיי אהינצו געפירט - ווייל לפי"ז ווערט די קשיא ניט נאר ניט שוואכער, נאר זי ווערט נאך שטארקער: וויבאלד אז "לפני עור לא תתן מכשול" - פארוואס האט דער אויבערשטער (ע"י הענן) זיי אהינצו געפירט?

איז דער ענטפער אויף דעם:

בכללות עבודת האדם שטעלט מען צו א מענטשן נסיונות - "מנסה ה' אלקיכם אתכם לדעת הישכם אוהבים את ה' אלקיכם"[104], ואדרבה[105]: ירידה צורך עלי'. דורך דעם נסיון כפשוטו, אז מ'פרואווט אים אויס, קומט מען צום צווייטן פירוש אין נסיון, מלשון "ארים נסי"[106] על ההרים, ע"ד ווי עס שטייט בסוף פרשתנו[107] "ה' נסי" - א הגבהה ועלי' "על ההרים", מצד דעם יתרון האור וואס קומט ארויס מן החושך, כמודגש אויך בפ' הבאה - פ' יתרו, מלשון יתרון האור מן החושך[108].

עד"ז בנדו"ד: דאס וואס מ'האט געבראכט אידן אין "רפידים", א מקום וואס איז עלול צו גורם זיין רפיון ידים מדברי תורה - איז געווען א נסיון, בכדי אז אידן זאלן אויסנוצן זייערע כחות זיך צו מתגבר זיין אויף דעם נסיון. און דורך ביישטיין דעם נסיון זאלן זיי נתעלה ווערן לדרגא נעלית יותר צו וועלכער זיי וואלטן ניט אנגעקומען לולי הנסיון.

כב. בעבודת האדם איז דאס די עבודה פון "יוסף" על שם "יוסף ה' לי בן אחר", אז מ'מאכט פון דעם "אחר" א בן (כנ"ל סי"ג):

אפילו בשעת מ'טרעפט א אידן וועלכע איז בחי' "אחר", רפו ידיו מדברי תורה, זאל מען זיך פון אים ניט מייאש זיין ח"ו, נאר מ'דארף פון אים מאכן א "בן". ואדרבה: כוונת הירידה ביי אים (אז ער איז בבחי' "אחר") איז בכדי ארויסצוברענגען נאך העכערע כחות. ווי דער אלטער רבי שרייבט אין תניא[109] אז דער נסיון פון לעו"ז איז בכדי צו מגלה זיין די כחות נעלים פון דעם בן המלך.

ווי ס'איז מבואר בנוגע אלישע אחר: אע"פ וואס ער האט געהערט א בת קול "שובו בנים שובבים חוץ מאחר"[110], האט ער זיך געדארפט משתדל זיין בכל התוקף צו תשובה טאן. לכאורה קען ער טענה'ן: ער האט דאך געהערט א בת-קול אז ער קען ניט תשובה

---

104) ראה יג, ד. 105) ראה לקו"ת ראה יט, ב ואילך. סהמ"צ להצ"צ (דרמ"צ) קפה, ב ואילך. ד"ה נתת ליראיך נס להתנוסס פר"ת (סה"מ פר"ת ע' קה ואילך). 106) ישעי' מט, כב. 107) יז, טו. 108) אוה"ת יתרו ע' תשלא ואילך. 109) ס"פ כט. וראה לקו"ת חוקת סב, א. 110) חגיגה טו, א. ירושלמי שם פ"ב ה"א.



SichosKodesh.com

טאן? זאגט מען אים: וואס איז אים נוגע א בת-קול? ער איז דאך א "מושבע ועומד מהר סיני"[111]! די בת-קול איז נאר א נסיון צו ארויסברענגען זיינע כחות מן הכח אל הפועל, אז אע״פ וואס ער איז געווען בבחי׳ "אחר" זאל פון אים ווערן א "בן", דורך דעם וואס ער וועט תשובה טאן.

און אין דעם איז געווען די הדגשה ומס״נ פון דעם בעל ההילולא - די עבודה פון "יוסף": צו טאן מיט אידן וואס זיינען בבחי׳ "אחר" וואס אנדערע האבן זיך שוין מייאש געווען פון זיי, און מאכן פון זיי בנים (בגלוי) לאבינו בשמים.

וואס דאס איז בכללות דער תפקיד פון א נשיא בישראל, "לב כל קהל ישראל" - צו מעורר ומגלה זיין דעם לב פון יעדן אידן, ווארום אפילו בשעת "אני ישנה" בגלותא איז "לבי ער"[112] להקב״ה ולתורתו ומצוותיו (ווי אפגעטייטשט אין מדרש[113]).

ויש לקשר הנ״ל אויך מיט דער הפטורה פון היינטיקער פרשה: דארט שטייט[114] "צדקת פרזונו בישראל". זאגן אויף דעם חז״ל[115] "צדקה עשה הקב״ה בישראל שפיזרן לבין האומות". ד.ה. אז די ירידה בגלות (פיזרן לבין האומות) איז צורך עלי׳, דורך דעם ווערט "צדקת פרזונו", ע״ד "פרזות תשב ירושלים" (וואס שטייט בנביאים אחרונים)[116].

כג. ס׳איז אויך דא א הוראה פון היינטיקער הפטורה [וואס אויך די הפטורה לייענט מען דורך בערב שבת צוזאמען מיט פרשת השבוע וועלכע מ׳איז מעביר שנים מקרא ואחד תרגום[117]] - וואס איז אויך מדגיש די נקודה הנ״ל, אז עס דארף זיין מעשה בפועל (ידים):

אין דער הפטורה ווערט דערציילט אז כאטש דבורה הנביאה האט געזאגט צו ברק בן אבינועם אז ער זאל גיין למלחמה עם סיסרא כו׳, ווייל דאס איז שייך צו אים, האט ברק געפאדערט אז זי זאל גיין צוזאמען מיט אים. און אזוי איז טאקע געווען בפועל.

דבורה האט געקענט טראכטן: עס געפינט זיך דאך א ברק בן אבינועם, איז צוליב וואס דארף זי גיין? אעפ״כ דערציילט תורה אז זי איז מיטגעגאנגען, ווייל מפני סיבות שונות קען זיין אז ברק זאל

---

111) נדרים ח, א. שבועות כא, ב (ושי״נ). 112) שה״ש ה, ב. 113) שהש״ר עה״פ. תנחומא תולדות יח. פדר״כ פסקא ה. פס״ר פט״ו, ו. ועוד. וראה זח״ג צה, א. רפו, א. 114) שופטים ה, יא. 115) פסחים כז, ב. 116) זכרי׳ ב, ח. 117) תרומת הדשן פסקים סי׳ קא. שו״ע (ואדה״ז) או״ח סרפ״ח ס״ז (ס״י).

דאס ניט קענען טאן בשלימות אדער אז ער האט איר געוואלט מזכה זיין.

כד. דערפון איז די הוראה בנוגע צו יעדן אידן, כולל יעדער אידישע פרוי און טאכטער:

יעדערער און יעדערע דארף מקיים זיין עבודתו (עבודתה). ניט קוקנדיק אויף דעם וואס עס געפינט זיך דערביי א צדיק גדול ווי ברק בן אבינועם, איז דאס ניט מספיק אויף אויפטאן די עבודה וואס באלאנגט צו דעם מענטש.

לדוגמא – צינדן[118] נרות שבת קודש בערב שבת [ווי בערב שבת זה – יו"ד שבט]: יעדע אידישע פרוי, טאכטער און מיידעלע (שהגיעה לחינוך. ד.ה. לחינוך בענין זה (נש"ק) אע"פ וואס בענינים אחרים אולי לא הגיעה לחינוך) דארף אנצינדן נרות שבת קודש ויו"ט (בערב שבת ויו"ט). ד.ה. ניט קוקנדיק אויף דעם וואס די קליינע אידישע מיידעלע ווייסט אז אין הויז געפינט זיך איר טאטע א צדיק גמור, און איר מאמע א צדיקה גמורה, און ברידער און שוועסטער – דארף זי אנצינדן א ליכטעלע. און אע"פ וואס אין הויז איז שוין דא ליכטיקייט – איז דורך איר ליכטעלע איז זי מוסיף נאכמער ליכטיקייט (אזוי שטייט אין שו"ע) וואס באלייכט איר הויז, דעם גאנצן ארום, און די גאנצע וועלט (בפרט אויב די ליכטעלע שטייט ביי א פענצטער, וואס דעמולט זעט מען בגלוי ווי זי באלייכט דעם חוץ).

בדוגמא ווי ס'איז געווען בא רבקה אמנו, אז שוין צו ג' שנים האט זי געצונדן ליכט, אע"פ וואס עס זיינען געווען אנדערע גדולים ארום איר. ווי רש"י איז מפרש עה"פ[119] "ויביאה יצחק האהלה שרה אמו". וואס דא שטייט בפירוש אז זי האט געצונדן ליכט צו דריי יאר, און עס קען זיין אז נאך לפנ"ז האט זי געצונדן. ועד כדי כך – אז זי האט געצונדן א ליכט וואס איז געווען א "נר דלוק מערב שבת לערב שבת"[120].

ועד"ז בנוגע צו א אינגעלע בשייכות מיט טראגן ציצית וכיו"ב, אז ס'איז ניט קיין נפק"מ אויב ארום אים זיינען דא צדיקים וכו', וויבאלד אז דער קינד הגיע לחינוך בענין זה (כאטש אז בענינים אחרים קען זיין אז לא הגיע לחינוך) – דארף ער עס מקיים זיין.

ועד"ז – סיי פאר אינגעלעך סיי פאר מיידעלעך – בנוגע

---

118) בהבא לקמן – ראה לקו"ש חט"ו ע' 163 ואילך. וש"נ. 119) ח"ש כד, סז. 120) רש"י שם.



SichosKodesh.com

לאמירת "מודה אני" בכל בוקר. און אמירת "הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך" (קודם התפלה)[121], און (בסיום התפלה) "אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך"[122] (ווי מ'שטורעמט לאחרונה[123]).

און דורך אפילו א מעשה אחד אפילו פון א קליין קינד (א אינגעלע אדער מיידעלע) קען ער מכריע זיין "את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות וגרם לו ולהם תשועה והצלה". כפס"ד הרמב"ם[124].

ואע"פ אז "עבר קציר כלה קיץ ואנחנו לא נושענו"[125], ובפרט אז עמלק קומט צו אים נאך צוגיין און ווארפט אין אים אריין ספיקות און קאלטקייט, אז משיח איז נאך ניטא וכו', איז וואס וועט העלפן זיין - א קליין קינד'ס - טאן?!

ווערט ער (זי) דערפון ניט נתפעל, ווארום ער ווייסט אז זיין (איר) מעשה אחד, עאכו"כ מער דערפון, קומט בצירוף צוזאמען מיט אלע מעשים טובים ועבודות פון אלע אידן במשך אלע דורות, און מיט זיין מעשה אחד שטעלט ער צו נאך א "ציגל" בבנין גדול זה; ער איז ווי א ננס על גבי ענק (אלע דורות שלפנ"ז), במילא קען ער זען און הערן ווייטער ווי דער ענק, אבער אויך דער ננס דארף האבן אויגן און אויערן צו זען און הערן, במילא דארף ער טאן עבודתו (און קען זיך ניט פארלאזן נאר אויף דער עבודה פון דעם ענק).

ביז אז דורך דער מעשה אחד איז מען מכריע בפועל כל העולם כולו לכף זכות און מ'ברענגט תשועה והצלה בפועל, די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

און פון דער "צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפיזרן לבין האומות", "צדקת פרזונו", ווערט "פרזות תשב ירושלים",

במהרה בימינו ממש, ומתוך שמחה וטוב לבב.

* * *

כה. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה באתי לגני.

* * *

---

121) ראה בהנסמן בשיחה שבהערה 123. 122) תהלים קמ, יד. 123) ראה משיחות י"ט כסלו וש"פ וישב, כ"ף כסלו. 124) הל' תשובה פ"ג ה"ד. 125) ירמי' ח, כ.

הנחת הת' בלתי מוגה

כו. בכדי מאכן גרינגער וועט מען זאגן דעם מראה מקום אויך אין די מאמרים פון דעם רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע (וואס מ'האט אים ניט דערמאנט אין מאמר עם שאר הנשיאים) וואו עס רעדט זיך וועגן אור חיות וכח וואס מ'האט גערעדט אין מאמר: עס רעדט זיך וועגן דעם אין דעם מאמר ד"ה אתם נצבים עדר"ת (בהמשך תער"ב), און דערנאך בהמשך לזה אין די מאמרי ראש השנה.

כז. ס'איז אויך רגיל בכל שנה מאכן א סיום המסכת ביו"ד שבט, בכדי יוצא זיין אויך לויט די נוהגים צו פאסטן ביום הסתלקות, איז דורך א סיום המסכת, וואס עושין שמחה בגמרה של תורה*[125], דארף מען דעמולט ניט פאסטן.

כידוע[126] אז עס זיינען דא צוויי מנהגים בקשר מיט א יארצייט פון א צדיק: בנוגע יום הסתלקות משה רבינו בז' אדר זאגט מען אז ס'איז אן ענין פארבונדן מיט היפך השמחה. לאידך גיסא – בנוגע יום הסתלקות רשב"י בל"ג בעומר האט ער געבעטן אז ס'זאל זיין א יום הילולא – א יום שמחה. ויש מנהגים כך וכך, די וואס פירן זיך אז א יארצייט איז היפך השמחה (און זיי פאסטן וכו'), און די וואס פראווען דעמולט א שמחה, ווייל דעמולט איז אן עת רצון צו אויסבעטן אלע ענינים וכו' וויבאלד אז דעמולט ווערט אן עלי' בא דעם צדיק.

דארף מען דאך יוצא זיין לויט ביידע דיעות, ובפרט אז מ'שטייט דאך נאענט צו ימות המשיח. וע"ד ווי די גמרא[127] זאגט עה"פ[128] "ושמתי כדכד שמשותיך", וואס אין דעם איז א פלוגתא צווישן צוויי אמוראים (אדער צוויי מלאכים), "חד אמר שוהם וחד אמר ישפה", איז די גמרא מסיים "אמר להו הקב"ה להוי כדין וכדין (כדברי זה וכדברי זה, והיינו כדכוד משוהם וישפה תבנה – רש"י)".

[דערפון האט מען, דרך אגב, א הוראה: בשעת אן אמורא, א רב וכיו"ב פסק'נט א הלכה, וואס ער איז דאך סמוך איש מפי איש ביז משה רבינו, און זיין פס"ד האט דעם תוקף פון א מצות עשה ומצות לא תעשה (כפס"ד הרמב"ם[129]), איז אע"פ וואס אן אנדער אמורא אדער רב פסק'נט באופן אחר – פירט אויס סו"ס דער אויבערשטער אז ביידע זיינען גערעכט, "כדין וכדין", וויבאלד אז זיי פסק'נען ע"פ תורה און זיינען סמוך עד משה רבינו כו'. ובפרט ע"פ המבואר בלקו"ת[130] דער ענין ברוחניות הענינים – אז "כדין וכדין" איז כנגד יוסף ובנימין, צוויי דרכי העבודה].

עד"ז בנדו"ד: בכדי יוצא זיין לויט ביידע מנהגים בנוגע

---

*125) רמ"א יו"ד סו"ס רמו. 126) ראה לקו"ש ח"ז ע' 343 בהערה. ועוד. 127) ב"ב עה, א. 128) ישעי' נד, יב. 129) הל' ממרים פ"א ה"ב. 130) ראה כד, ד ואילך.



SichosKodesh.com

ליום הסתלקות - פירט מען זיך בכל שנה (ביום הסתלקות דיו"ד שבט) צו מאכן א התוועדות, אן ענין של שמחה, וביחד עם זה - מאכן א סיום המסכת, שמחה בגמרה של תורה, בכדי באווארענען ענין התענית לויט דעם צווייטן מנהג.

כח. במה דברים אמורים ווען דער יארצייט איז ביום חול, ווען ס'איז דא א נתינת מקום אויף היפך השמחה וענין התענית אין דעם יארצייט; בשעת אבער דער יארצייט קומט אויס ביום השבת, וואס דעמולט טאר ניט זיין אן ענין של אבלות והיפך השמחה ותענית, ואדרבה - מצוה לענגו באכילה ושתי'[131] - איז א סברא צו זאגן אז מ'זאל דעמולט ניט מאכן א סיום מסכת (צו יוצא זיין לויט דעם צווייטן מנהג), ווייל דאס וועט מדגיש זיין כאילו ווי ס'איז דא א חשש אז לולא הסיום וואלט געדארפט זיין תענית כו' ביום השבת ח"ו, במילא איז עס ממעט בתוקף השבת. ווי דער פסק פון טאטן[132] אז ביום השבת זאל מען ניט טאן אין קיינע עניני שמחות וואס ס'קען זיין א חשש אבילות בשבת.

לאידך גיסא: וויבאלד אז בכל שנה פירט מען זיך מאכן א סיום המסכת ביום זה, און ס'איז שוין געווארן שלשה פעמים דהוי חזקה[133], איז דעם ניט מאכן א סיום קען גורם זיין א מרה-שחורה, אז מ'פירט זיך ניט ווי מ'פירט זיך בכל שנה ושנה.

ובפרט אז יום השבת האט א שייכות מיוחדת מיט תורה (ובמילא - א סיום בתורה), כמבואר בתורה אור[134], ע"פ דברי חז"ל[135] "לכו"ע בשבת ניתנה תורה".

לפי"ז איז א סברא צו זאגן אז אויך ווען דער יארצייט קומט אויס ביום השבת זאל מען דעמולט מאכן א סיום המסכת.

בכדי יוצא זיין לויט די ביידע סברות - וועט מען מאכן א סיום פון א "ניט סיום". ועפ"ז וועט אויך נתבאר ווערן אז (אויך) סיום מסכת נדה איז ניט בדבר היפך הטוב (ווי גערעדט וועגן דעם בארוכה[136]).

כט. מ'האט דעמולט גערעדט אז סיום מסכת נדה (גמרא) בירושלמי איז ניט מיט א דבר טוב, ווייל די גמרא במסכת נדה ענדיקט זיך מיט פרק ג', ווי ס'איז געדרוקט אין ש"ס (ניט ווי מס' נדה בבבלי וואו ס'איז דא גמרא עד סיום המסכת, און דארטן איז דער סיום בטוב), און דארטן רעדט זיך ניט וועגן אן ענין טוב.

---

131) טושו"ע (ואדה"ז) או"ח ריש סרמ"ב. 132) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1091. 133) ב"מ קו, ב. 134) ויקהל פח, א ואילך. 135) שבת פו, ב. 136) בשיחות ש.ז.: י"ט כסלו סס"ד ואילך. ש"פ וישב סכ"ח ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

ואע"פ אז די גמרא אויף די ווייטערדיקע פרקים במס' נדה (בירושלמי) איז צו אונז ניט דערגאנגען - איז דאך דאס גופא בהשגחה פרטית, ובפועל קומט אויס אז דער סיום מס' נדה בירושלמי איז ניט מיט א דבר טוב - איז ווי שטימט עס מיטן כלל[137] אז מסיימים בטוב?

קען מען עס מסביר זיין, אז אויך אין ירושלמי מס' נדה דארף זיין געדרוקט (נאך פרק ג') די משניות פון די ווייטערדיקע פרקים (אע"פ וואס זיי האבן אויף זיך ניט קיין גמרא), און דעמולט איז אויך דער סיום פון מסכת נדה בירושלמי בדבר טוב ["תלויין" - און ער איז דערמיט שולל "תרבות רעה" וואס שטייט לפנ"ז, כפרש"י "תלויין" - "אם לא תראה מגע (און ער איז מסיים וחותם:) טהור כו' פטורה"].

די הסברה בזה:

סדר הדפסת המשניות והגמרא איז געווען: אין ש"ס האט מען געדרוקט די ל"ו מסכתות וועלכע האבן אויף זיך אויך גמרא. און די מסכתות וועלכע האבן ניט קיין גמרא נאר משניות, האט מען ניט געדרוקט אלס א חלק פון ש"ס, נאר אלס א באזונדער מדור - משניות.

ווערט די חקירה בנוגע צו די מסכתות וואס נאר א חלק המסכת האט גמרא אויף די משניות, צי מ'דרוקט אין ש"ס נאר דער חלק המסכת וואס האט גמרא, אדער מ'דרוקט אויך די פרקים וואס האבן ניט קיין גמרא (בהמשך להפרקים וואס האבן גמרא).

געפינט מען כמה דוגמאות לזה: מסכת תמיד אין תלמוד בבלי - האבן נאר די ערשטע פיר פרקים גמרא (משא"כ די לעצטע דריי פרקים). אעפ"כ האט מען געדרוקט אין ש"ס גאנץ מסכת תמיד, אויך די פרקים אָן גמרא, בהמשך צו די פרקים מיט גמרא. ובנוגע לפועל - פירן זיך דאך די וואס לערנען "דף היומי" צו לערנען במס' תמיד די גאנצע מסכת (ניט נאר די פרקים וואס האבן גמרא!).

מסכת שבת אין תלמוד ירושלמי: בתלמוד ירושלמי דפוס קערנסטיין, פיעטרקוב און זיטאמיר איז נאר געדרוקט די פרקים פון מסכת שבת וואס האבן גמרא, און ניט די פרקים אָן גמרא. אבער אין דפוס ווילנא האט מען צוגעדרוקט אויך די פרקים אָן גמרא (בהמשך צו די פריערדיקע פרקים מיט גמרא) [איך ווייס ניט צי די מדפיסים האבן אימעצן געפרעגט צו דאס טאן, אבער אזוי האבן זיי געטאן ומסתמא האבן זיי יע געפרעגט].

---

137) ברכות לא, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

עפ"ז דארף מען ניט זאגן אז דאס וואס במס' נדה בירושלמי זיינען געדרוקט נאר די פרקים וועלכע האבן גמרא - איז ע"פ הוראה פון גדולי ישראל, ווייל איז שום הכרח לומר כן, ואדרבה: מסתבר לומר אז אויך מסכת נדה בירושלמי (וואס נאר כמה פרקים האבן גמרא) דארף זיין געדרוקט אויך מיט די פרקים אן גמרא (בהמשך צו די פריערדיקע פרקים) - ווייל למה יגרע פון מסכת תמיד בבבלי און מסכת שבת בירושלמי (דפוס ווילנא).

ולפי"ז קומט אויס אז דער סיום פון מסכת נדה בירושלמי איז ניט בסוף פרק ג' (וואס דעמולט איז דאס בדבר לא טוב), נאר בסיום המשניות דמס' נדה, וואס איז בדבר טוב (כנ"ל).

וואס לויט דעם דארף מען ניט אנקומען צו דעם ביאור וואס מ'האט געערעדט יענעם מאל אז לויט ירושלמי איז דער סדר פון די ששה סדרים נז"ם קט"ן[138], עס ענדיקט זיך מיט נזיקין, במילא איז סיום הש"ס ניט מיט סיום מס' נדה - ווייל ע"פ הנ"ל קומט אויס אז אויך סיום מס' נדה בירושלמי איז בדבר טוב. ונוסף לזה לויט יענעם ביאור איז דאס נאר א ביאור בנוגע לסיום כל הש"ס, אבער עס בלייבט נאך די שאלה בנוגע סיום מסכת נדה וסיום סדר טהרות עצמה - ווי איז דאס א סיום בדבר טוב. וע"פ הנ"ל איז דאס מובן, ווייל דער סיום איז באמת מיט סיום המשניות.

ל. ס'איז אבער דא נאך א שאלה על המדובר לעיל:

דער מונקאטשער (בעל מנחת אלעזר) האט געמאכט סיומים על כמה מסכתות, און כדרכו פירט ער זיך מדייק זיין בכל ענין ופרט שבתורה (און האט געוואלט אז אויך אנדערע זאלן אזוי טאן), אויך אין זיינע סיומים, [ניט ווי אנדערע וואס מאכן נאר א סיום בקשר מיטן תוכן כללי פון דער סוגיא, און בעיקר אויף מסכתות וואס רעדן זיך בדיני ממונות, וואס "הרוצה שיחכים יעסוק בדיני ממונות כו', והרוצה שיעסוק בדיני ממנות ישמש את שמעון בן ננס"[139]]. זעט מען בספריו אז ער האט געמאכט א סיום אויף מס' נדה בירושלמי, אויף פרק ג' (וואו עס ענדיקט זיך די גמרא), אבער ניט אויף די משניות.

איז דאס לכאורה א סתירה להנ"ל, אז דער סיום מס' נדה בירושלמי דארף זיין בסיום המשניות.

באמת איז דאס אבער קיין סתירה ניט. והטעם:

---

138) מדרש תהלים יט, יד. במדב"ר פי"ג, טו-טז בסופו. 139) ב"ב קעה, ב (במשנה).

הנחת הת' בלתי מוגה

ס'איז ידוע אז דער מונקאטשער האט זיך משתדל געווען צו אפלערנען א הוראה פון כל פרט ופרט שבעולם, אויך ענינים וואס זיינען געווען בא גויים. ווי עס ברענגט זיך אין דעם ספר וואס קלייבט צוזאמען אלע זיינע מנהגים[140]. ווי עס ברענגט זיך דארטן, אז אפילו ווען ער פלעגט פארן אויף א רכבת ברזל (ד.ה. א "טריין"), וואס יעדער וואגען האט געהאט א מספר, פלעגט ער אפלערנען א רמז אדער גימטריא פון דעם מספר ווי דאס איז פארבונדן מיט אים, ועבודת ה' וכו'.

וואס באמת איז דאס תורת הבעש"ט הידועה, אז יעדער זאך איז בהשגחה פרטית, און פון יעדער זאך וואס א איד זעט אדער הערט דארף ער אפלערנען א הוראה בעבודת ה'.

וואס מה-דאך אז דער מונקאטשער האט זיך משתדל געווען אזוי טאן בנוגע צו א מספר פון א וואגען אויף א "טריין", איז עאכו"כ אז ער האט מדייק געווען בכל פרט ופרט אין אן ענין בתורה (להבדיל). דעריבער: וויבאלד אז אין ירושלמי שלפנינו איז בפועל געדרוקט נאר די ערשטע דריי פרקים פון מס' נדה, און דער סיום איז בסוף פרק ג' – האט דער מונקאטשער אין דעם מדייק געווען (ווייל ס'איז דאך בהשגח"פ), און געמאכט אויף דעם א סיום.

אבער ס'איז קיין הכרח ניט צו זאגן אז דערפון איז א ראי' אז בפועל דארף מס' נדה בירושלמי ניט מסיים זיין מיט די משניות.

לא. פארוואס איז מען מאריך בזה כל כך?

ווייל דערפון קומט ארויס אויך א נפק"מ בנוגע לפועל:

צווישן די וואס האבן אנגענומען אויף זיך דעם מנהג טוב צו לערנען "דף היומי", האט מען אויך אנגעהויבן לערנען די מסכתות בירושלמי – איז מהנ"ל קומט אויס אז מ'דארף לערנען במס' נדה בירושלמי ניט נאר די ערשטע דריי פרקים נאר אויך די משניות אין די ווייטערדיקע פרקים (אזוי ווי מ'לערנט מס' תמיד בבבלי אלע פרקים, ניט נאר די פרקים מיט גמרא).

לב. דערמיט האט מען יוצא געווען דעם מנהג צו מאכן א סיום מסכת ביו"ד שבט.

ס'איז* א מנהג אין א התוועדות ביום השבת, צו מבאר זיין א פסוק אין פרשת השבוע צוזאמען מיט פירוש רש"י, און אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו.

---

*) מכאן עד סוף סעיף לג – הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א.

---

140) ס' דרכי חיים ושלום.

SichosKodesh.com

בסוף שירת הים בפרשתנו שטייט[141] "מקדש אד' כוננו ידיך". איז רש"י מעתיק דעם ווארט "מקדש" און איז מפרש: "הטעם עליו זקף גדול להפרידו מתיבת השם שלאחריו (ד.ה. אז דער פירוש אין די ווערטער איז ניט אז דאס גייט אויף "מכון לשבתך פעלת הוי'" שלפניו - ווי אלע מפרשים זאגען - און אזוי במרז"ל[142] אז דער מכון איז בשני ידים - נאר:) המקדש - אשר כוננו ידיך ה'" - אנאנדער מקדש - וואס עס דוקא וועט זיין "כוננו ידיך", און דער בהמ"ק דוקא איז חביב כו' ("חביב בית המקדש שהעולם נברא ביד אחת שנאמר[143] אף ידי יסדה ארץ, ומקדש בשתי ידים") און ווען וועט ער זיין - לעתיד לבוא - ווען "ה' ימלוך לעולם ועד" ("ואימתי יבנה בשתי ידים בזמן שה' ימלוך לעולם ועד לעתיד לבא שכל המלוכה שלו") - אנדערש פון די אלע מפרשים ומרז"ל וועלכע זאגען אז ה' ימלוך לע"ו - איז לגמרי א באזונדער ענין!

איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: א) פרש"י - אנדערש פון אלע מפרשים און אין די ביידע פסוקים. ב) ס'איז בלתי רגיל כלל בפרש"י צו ברענגען און מבאר זיין דעם (טעם -) טראפ ("הטעם עליו זקף גדול") פון די ווערטער פון פסוק וועלכען ער איז מפרש*?!

ג) וחידוש גורר חידוש: נוסף אויפן חידוש בכללות פרש"י כנ"ל - איז דאס מכריח רש"י צו זאגן א ענין עיקרי חדש לגמרי: "העולם נברא ביד אחת כו', ומקדש בשתי ידים".

פשוטו של מקרא - און אין פרש"י גופא על אתר - אז בריאת העולם וכל הנבראים איז דורך אמירתו של הקב"ה - "ויאמר אלקים יהי אור"[144], ושאר המאמרות, ביז (דעם לעצטן מאמר) "ויאמר אלקים נעשה אדם בצלמנו כדמותינו"[145]**; און דא איז רש"י מחדש אז "העולם נברא ביד (אחת)", און אויך "מקדש ב(שתי) ידים";

---

*) מצינו ריבוי פעמים בפרש"י שמתייחס ל"טעם" (ראה בס' רש"י - שאוועל) - אבל שלא בערך למה שצריך להביא באם הי' דרכו בכך, כפשוט.

**) ואף שפרש"י עה"פ "ויברא אלקים את האדם בצלמו"[146]: "הכח נברא במאמר והוא (האדם) נברא בידים" - ה"ז נלמד מהוספת ענין על "נעשה אדם" (שנאמר גם בחית הארץ גו' - וראה פרש"י בפסוק שלפניו[147]), "בצלמו - בדפוס".

וגם פרש"י זה ("הוא נברא בידים") הוא בסתירה לפרש"י כאן, כי רש"י כותב "בידים" רבים - לא ביד אחת כמ"ש רש"יכאן ש"העולם נברא ביד", יד אחת.

---

141) טו, יז. 142) כתובות ה, א. 143) ישעי' מח, ג. 144) בראשית א, ג. 145) שם, כו. 146) שם, כז. 147) שם, כה.

און נאך כמה דיוקים בפרש"י זה.

[מפרשי רש"י - רא"ם, גור ארי' (למהר"ל מפראג), ועוד - זיינען מפרש כוונת רש"י בכמה אופנים; אבער - כדרכם בכ"מ: דער רא"ם בעיקר ע"ד ההלכה, דער גור ארי' (אויך) ע"ד הרמז והסוד, ניט ע"ד הפשט, און לאו דוקא - דער פשט ממש פון פרש"י, וואס דאס איז אופן לימודו פון בן ה' למקרא - וועלכער איז נאך ניט געקומען צו לימוד המשנה גמרא וסוד. בסגנון אחר קצת: פירושם איז מבאר זיין ווי רש"י איז אויסגעהאלטן בדרך ההלכה והסוד וכו' -.

ס'איז ניט קיין ענין צו פרעגן שאלות וקושיות סתם אויף פירושי גדולי ישראל, סיידן - כדי מבאר זיין דבריהם, דורך "עוקר הרים וטוחנן זה בזה"[148] זאל מען קומען צו בירור אין די הרים עצמם, אבער ביחד עם זה וכמדובר כמ"פ - ענינו של רש"י בפירושו על התורה איז ווי רש"י איז מדגיש: (לכל לראש) פשוטו של מקרא[149], דארף מען פארשטיין דעם פרש"י ע"ד הפשט (נוסף להלכה ורמז וסוד שבפרש"י) - וכמפורש במפרשי רש"י אויף דעם פסוק - אז פירושים הנ"ל זיינען ניט פשוטו פון פרש"י דא: אין גור ארי' - בנוגע דעם רא"ם, בכמה מפרשי רש"י - בנוגע צו איידען וכו'].

איז ע"פ כהנ"ל מובן, אז בפסוק זה איז דא א שאלה בפשוטו של מקרא וועלכע רש"י מוז פארענטפערן, און די שאלה איז מכריח רש"י'ן לפי שיטתו בפירוש התורה צו מפרש זיין א פירוש אנדערש פון אלע מפרשים - און ברייננגען א סיוע לחידוש גדול כזה - פון דעם טעם, טראפ בפסוק זה ("הטעם עליו זקף גדול").

לג. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר בפרשתנו איז ער מבאר (אין די לעצטע הערה על הפרשה)[150], אז יום השבת "הוא יומא שביעאה, בינה (אם הבנים)...שמיני' מתברכין השיתא יומין ו"ק דז"א".

דארף מען פארשטיין: לכאורה איז דאס א סתירה להמדובר פאריקן שבת[151] אז שבת מיני' מתברכין כולהו יומין[152] איז (ניט נאר לששת ימי החול, נאר) לכל שבעת ימי השבוע (ההיקף), כולל יום השבת הבא. און ער זאגט א מילתא בטעמא אז יום השבת, בינה, איז "מיני' מתברכין השיתא יומין ו"ק דז"א"?! קען מען ניט זאגן אז אין דער הערה איז אריינגעפאלן א טעות הדפוס - עס דארף שטיין זיי"ן, ווייל אין ז"א זיינען דא ששה קצוות - מדות.

לד. כאן המקום צו מבאר זיין דער פרש"י פון לעצטן שבת - עה"פ[153] "ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו למאיש ועד בהמה

---

148) סנהדרין כד, א. 149) בראשית ג, ח. 150) לקוטי לוי"צ לזח"ב ס"ע עג ואילך. 151) שיחת ש"פ בא ס"ב-ג. 152) זח"ב סג, ב. פח, א. 153) בא יא, ז.

SichosKodesh.com

למען תדעון אשר יפלה ה' בין מצרים ובין ישראל".

די שאלות זיינען געווען: (א) וואס איז דער קס"ד אז בשעת מכת בכורות זאלן די הינט בילן, און דערפאר דארף מען א ספעציעלע נס אז "לכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו"? (ב) פארוואס דוקא דורך דעם וועט זיין "תדעון אשר יפלה בין מצרים ובין ישראל" - מער ווי דורך מכת בכורות עצמה? ויש להוסיף: דא געפינט מען א חידוש גדול וואס איז ניט געווען בא קיינע מכות - אז "לא יחרץ כלב לשונו (ניט נאר) למאיש (נאר אויך) ועד בהמה גו'" - וואס איז דער טעם לזה? (ג) פארוואס שטייט דא דער לשון "יחרץ", און ניט "ינבח" - דער לשון הרגיל בנוגע צו כלבים?

ובפרט לויט פרש"י אויף "יחרץ" - "אומר אני שהוא לשון שינון כו'" - אז חריצה איז שטארקער און שארפער ווי נביחה (סתם) - מאכט עס נאך שטארקער די קושיות הנ"ל: וואס איז דער קס"ד אז בשעת מכת בכורות זאלן די כלבים ניט נאר בילן סתם (נביחה) נאר בילן מיט א חריפות - חריצה, און פארוואס דוקא דורך דעם "תדעון אשר יפלה גו'"?!

אויך: (א) פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק די אלע ווערטער "לא יחרץ כלב לשונו" - ווען ער איז נאר מפרש דעם ווארט "יחרץ"? (ב) פון לשון רש"י "אומר אני שהוא לשון שינון כו' וכן לא חרץ כו' אז תחרץ" איז מובן, אז ניט ער ברענגט פון די פסוקים א ראי' אהער, נאר ער איז מפרש די אלע פסוקים ע"פ הפירוש וואס ער זאגט דא מדעת עצמו ("אומר אני"). איז ניט מובן: פארוואס ברענגט דא רש"י די אלע פסוקים לאחר זה וואו דער לשון (חריצה) געפינט זיך?!

ויש להוסיף נאך א שאלה: צווישן די פסוקים וואס רש"י ברענגט איז דער פסוק פון ישעי'[154] "למורג חרוץ", וואס דאס איז א כלי כבד וואס מאכט חריצים[155]. ד.ה. אז רש"י וויל דערמיט ארויסברענגען אז "יחרץ" אין אונזער פסוק קען מיינען ניט נאר א חריפות פון אנשים, א קול גדול (מער פאר סתם נביחה), ווי דער פירוש איז אין די אנדערע פסוקים וואס רש"י ברענגט - נאר בדוגמא א חריפות פון א כלי, וואס קען מזיק זיין. [ע"ד פירוש התרגום עה"פ: "לא ינזק כלבא בלישני' למנבח"]. דארף מען פארשטיין וואס רש"י וויל דערמיט מדגיש זיין?

- דעם מאל זיינען געדרוקט אין די "קובצים" א ריבוי תירוצים, און צווישן זיי זיינען דא תירוצים וואס האבן

154) ישעי' מא, טו. 155) פרש"י שם.

אנגעהויבן גיין אויף ריכטיקן וועג, ע"ד הפשט, אבער דערנאך איז מען "אראפ" פון וועג, פון דרך הפשט...

לה. דער ביאור בכל זה:

מ'האט גערעדט כמ"פ אז ענינים הכי פשוטים וואס דער בן חמש למקרא ווייסט אליין – דארף רש"י ניט שרייבן בפירושו. ולדוגמא: בשעת רש"י איז מפרש א ווארט בלע"ז, דארף ער מער גארניט מוסיף זיין, ווייל דער בן חמש וואס וואוינט אין צרפת ווייסט וואס דער ווארט מיינט, ווארום ער איז איינגעוואוינט רעדן דער שפראך מיט זיינע חברים, זיינע עלטערן, און אפילו מיט רש"י'ן אליין.

ובנוגע לענינינו:

דער בן חמש ווייסט אז בשעת ס'איז דא א טומל מיט געשרייען – בילן די הינט. דעריבער, בשעת בא מכת בכורות איז געווען א טומל אין גאס, ביז אז "היתה צעקה גדולה בכל ארץ מצרים אשר כמוהו לא נהיתה וכמוהו לא תוסיף"[156] – פארשטייט דער בן חמש למקרא אליין אז ע"פ טבע האבן די הינט אין מצרים געבילט.

אזוי אויך ווייסט דער בן חמש אז כבלים בילן לאור הלבנה. – בשעת דער בן חמש למקרא פלעגט מסיים זיין די לימודים אין "חדר", און ס'האט זיך שוין פארצויגן אין דער נאכט, פלעגט דער מלמד זאגן די קינדער: איר זאלט ניט מורא האבן פאר דעם וואס די הינט בילן, ווייל די הינט בילן ניט אויף אייך, נאר אויף די..לבנה! און אזוי האבן זיי טאקע געזען בשעת זיי זיינען ארויס אין גאס – אז דער כלב קוקט אויף דער לבנה און בילט. כ'ווייס ניט פארוואס ס'איז אזוי, אבער אזוי איז די מציאות.

[אין איינער פון די "קובצים" האט מען געבראכט וואס עס שטייט אין רדב"ז[157] אז אין מיטן נאכט בילן די הינט. – דער בן חמש האט אבער ניט געלערנט דעם רדב"ז. אבער בענין זה דארף ער ניט אנקומען צום רדב"ז, ווייל ער זעט עס אליין בשעת ער גייט אהיים פון "חדר"].

ועפ"ז: וויבאלד אז מכת בכורות איז געווען "כחצות הלילה" דליל ט"ו ניסן, ווען ס'איז דא א פולע לבנה – פארשטייט דער בן חמש אז ע"פ טבע האבן די הינט במצרים דעמולט געבילט (אן קיין קשר מיט מכת בכורות). [בנוגע צו כלבים געפינט מען ניט אז "נשתנו הטבעיים"[158]...דערפאר לייגט זיך זאגן אז אזוי ווי די

---

156) בא שם, ו. 157) בתשובותיו – סימן פ"א. 158) ראה דרשון הר"ן ד"ח (נעתקה בלקו"ש ח"ג ע' 966).



SichosKodesh.com

הינט בצרפת בזמן רש"י איז טבעם צו בילן אויף דער לבנה, אזוי איז אויך געווען דער טבע פון די הינט במצרים].

קומט אויס אז דער בן חמש למקרא ווייסט בפשטות אז ע"פ טבע בא מכת בכורות האבן די הינט במצרים געבילט - סיי צוליב די צעקות, און סיי אויף דער לבנה.

לו. וויבאלד אז די בילן פון די הינט בא מכת בכורות (סיי מצד די צעקות, סיי אויף דער לבנה) איז בדרך הטבע, און דאס ווארפט ניט אן קיין שרעק אויף די אידן, ווי עס פארשטייט א בן חמש אז פון א הונט'ס בילעריי איז ניטא וואס צו מורא האבן (אפילו ווען דער הונט בילט אויף דעם מענטשן), און די הינט וועלן ניט מזיק זיין די אידן, ווייל עס רעדט זיך וועגן כלבים דארצו ומקומו, וואס הורגל בהם והם בו - איז ניטא קיין סיבה אז דער אויבערשטער זאל מאכן א נס אז דא זאלן די הינט ניט בילן, ווי דער בן חמש פארשטייט אליין אז דער אויבערשטער מאכט ניט קיין נס אן א תועלת, ובלשון חז"ל[158] "לא עביד קוב"ה ניסא למגנא"[159].

בשעת עס קען אבער זיין אז די הינט זאלן בילן מיט א ספעציעלע שארפקייט (וואס קומט מצד די "צעקה גדולה בכל ארץ מצרים אשר כמוהו לא נהיתה גו'") וואס ווייזט אויף א ספעציעלע כעס ורוגז פון דעם הונט, וואס דאס קען אנווארפן א שרעק אויף די אידן, להבהילם ולהפחידם (מצד דעם נזק וואס קען ארויסקומען דערפון וואס דער הונט ווערט אזוי ברוגז ביז אז יחרץ), דארף מען דאס שולל זיין,

ווייל דאס איז היפך פון שמחת הגאולה: "וככה תאכלו אותו וגו'"[160] וכו', און דערצו האט דער בן חמש געלערנט[161] "ויאמר משה בנערינו ובזקנינו נלך בבנינו ובבנותינו בצאננו ובבקרנו נלך", בכדי מ'זאל קענען מקריב זיין לה', "כי חג ה' לנו". אזוי אויך בהמשך הפרשה: "גם צאנכם גם בקרכם קחו"[162], "וצאן ובקר מקנה כבד מאד"[163]. "לא תשאר פרסה"[164].

איז אויב די כלבים וואלטן געבילט מיט א חריפות (חריצה) און דאס וואלט אנגעווארפן א הבהלה והפחדה אויף די אידן און זייערע בהמות, ועכ"פ בהמה אחת וואלט אנטלאפן צוליב די פחד (כטבע הבהמות אז זיי אנטלויפן צוליב פחד) - איז דאס היפך הודעת משה לפרעה "לא תשאר פרסה".

דעריבער האט געדארפט זיין דער נס אז "לכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו למאיש ועד בהמה", דוקא "יחרץ", א שארפע בילעריי, וואס איז עלול להבהיל ולהפחיד כו'; משא"כ בנוגע צו

---

159) ראה גם שיחת ש"פ וארא תשמ"ב סמ"ה בהערה. 160) בא יב, יא ואילך. 161) שם י, ט. 162) שם יב, לב. 163) שם, לח. 164) שם י, כו.

נביחה ע"ד הרגיל איז ניט געווען קיין נס דאס צו מבטל זיין, ווייל ס'איז ניטא קיין תועלת אין אזא נס (כנ"ל).

און דאס איז דער דיוק בלשון רש"י "אומר אני שהוא לשון שינון":

דער מקור והוכחה לפירושו אז דער נס פון "לא יחרץ כלב לשונו" איז נאר בנוגע צו א שארפע בילעריי ("לשון שינון"), און ניט בנוגע צו נביחה סתם איז - מדעת רש"י עצמו, "אומר אני" [און ניט ווייל אזוי איז מוכח פון די פסוקים וואס רש"י ברענגט - ווייל לשון רש"י איז "אומר אני כו' וכן לא חרץ גו'", ד.ה. אז פון דעם פירוש דא לערנט מען אפ בנוגע די אנדערע פסוקים, און ניט פארקערט (כנ"ל)], ווייל עס לייגט זיך בסברא אז מ'מאכט ניט קיין נס אן א תועלת.

לז. עפ"ז - אז וויבאלד עס רעדט זיך וועגן כלבים דארצו ומקומו שהורגל בהם והם בו דעריבער האבן די אידן ניט מורא פון סתם נביחה, דערפאר דארף אויף דעם ניט זיין קיין נס ללא תועלת - איז מבואר פארוואס רש"י איז מעתיק (פון פסוק) ניט נאר דעםווארט "יחרץ", נאר "לא יחרץ כלב לשונו":

"יחרץ" בכלב איז שייך ע"י לשונו און ע"י שיניו (זיינע ציינער) - ווי ס'איז מודגש אין די פסוקים וועלכע רש"י ברענגט בהמשך פירושו [און דערפאר ברענגט רש"י די פסוקים, ווייל זיי זיינען מבאר הענין כפשוטו כאן - די צוויי אופנים פון חריצה וואס איז שייך ביי א כלב, ע"י לשונו וע"י שיניו]: "לא חרץ לבנ"י לאיש את לשונו"[165]. ונוסף לזה ברענגט רש"י אויך דעם פסוק "למורג חרוץ", ד.ה. חריצה בכלי (וואס מאכט חריצים, כנ"ל), ע"ד חריצה (ניט ע"י לשונו נאר) ע"י שיניו, וואס די חריצה (ע"י שינים) איז מזיק (ניט ווי חריצה ע"י לשונו וואס ווארפט אן א שרעק).

אבער בנוגע צו חריצה ע"י שינים - נזק - דארף מען ניט האבן א נס (אז "לא יחרץ כלב"), ווייל עס רעדט זיך וועגן כלב מקומו וואס וועט ניט מזיק זיין א אידן; משא"כ בנוגע צו "לשונו" פון דעם כלב, וואס ווערט חריף ע"י די "צעקה גדולה בכל ארץ מצרים גו'" - קען דאך דאס אנווארפן בדרך ממילא א שרעק אויף די אידן, היפך שמחת הגאולה, און די בהמות קענען אנטלויפן - דעריבער דארף זיין א נס אז "לא יחרץ כלב לשונו".

דערפאר איז רש"י מעתיק פון פסוק אויך די ווערטער "לא יחרץ כלב לשונו", ווייל דאס ברענגט ארויס א חלק פון פירוש הענינים בכתוב זה, און דער טעם פארוואס רש"י ברענגט (כמה פון) די

---

165) יהושע י, כא.

SichosKodesh.com

פסוקים פון ווייטער אין תנ"ך בפירושו - אז די חריצה דא רעדט זיך דוקא וועגן "לשונו" (ניט ע"י שינים), ווייל דוקא בנוגע צו חריצת לשון דארף מען דא האבן א נס.

לח. דער תירוץ הנ"ל פארוואס איז דא געווען דער נס דוקא בנוגע "לשונו" און ניט שינים, ווייל דער כלב איז רגיל בו במילא וועט ער אים ניט בייסן - איז בדוחק, ווייל דא רעדט זיך וועגן א "צעקה גדולה בכל ארמ"צ אשר כמוהו לא נהייתה וכמוהו לא תוסיף", ובמילא זיינען די כלבים מבולבל וכו', איז מעגלעך אז דער כלב זאל בייסן אפילו די וואס געפינען זיך בארצו ובמקומו.

איז דער עיקר תירוץ על זה - און א תירוץ פשוט בתכלית [וכמדובר כמ"פ בנוגע צו א "קלאץ קשיא" אז מ'איז דערצו ניט משים לב, אזוי איז אויך בנוגע צו א "קלאץ תירוץ" הכי פשוט אז מ'איז דערצו ניט משים לב]:

די אידן זיינען געווען בבית כל הזמן דליל ט"ו (זמן מכת בכורות), און ס'איז ניטא קיין אשפריות אז די כלבים זאלן זיי בייסן. משא"כ בנוגע לחריצת לשון - שמפחידה ומבהילה בשמיעתה בבית. ובפרט אז די אידן ווייסן אז בבוקר וועלן זיי זיין מוכרח צו ארויסגיין בחוץ (ע"י פרעה, און אויך ע"י משה והשם). דעריבער האט געדארפט זיין דער נס אז "לא יחרץ כלב לשונו".

ועפ"ז ווערט אויך פארענטפערט א "קלאץ קשיא" אויף דעם פסוק "לכל בנ"י לא יחרץ כלב לשונו גו' למען תדעון גו'": וויבאלד אז אידן זיינען געווען בבתיהם, ווי איז שייך אז די כלבים זאלן (בילן אדער) יחרצו אויף אידן אז דער פסוק דארף דאס שולל זיין. ע"פ הנ"ל איז דאס מובן, ווייל די חריצה איז בלשונם וואס איז מבהיל ומפחיד בשעת מ'הערט עס אין בית וכו'.

לט. עפ"ז וועט מען פארשטיין המשך הכתוב - "למען תדעון אשר יפלה ה' בין מצרים ובין ישראל":

דאס וואס די מכה (מכת בכורות) איז געווען בא מצרים און ניט בא די אידן - איז אין דעם ניטא קיין חידוש במכת בכורות, ווייל אין אלע מכות שלפנ"ז האבן די מצריים געזען אז די מכה איז נאר אויף זיי, און ניט אויף אידן.

דער חידוש מיוחד וואס איז געווען במכת בכורות איז - אז מלבד זה וואס די מכת בכורות איז געווען נאר בא מצרים, האט זיך אויסעגדריקט א הבדלה נוספת ומיוחדת "בין מצרים ובין ישראל", אין דעם וואס "לכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו".

וב' פרטים בדבר: (א) דער עצם זאך אז אפילו כלבים זיינען

מבחין דער חילוק צווישן מצרים און אידן, און דערפאר בילן זיי מיט א שארפקייט (חריצה) במקום וואו עס געפינען זיך מצריים, משא"כ במקום וואו אידן געפינען זיך "לא יחרץ כלב לשונו" - איז דאס ברענגט ארויס די הפלאה והבדלה מיוחדת ביניהם. (ב) נאכמער: במקומם פון אידן גופא בילן די הינט אויך אויף די אידן (בבתיהם) - א נביחה ע"ד הרגיל, און ניט אז זיי ווערן "כלבים אלמים לא יוכלו לנבוח"[166]; משא"כ ווען עס קומט צו "יחרץ", גייען זיי אוועק פון דעם מקום וואו עס וואוינען אידן און זיי לויפן צו די מצריים, און דארטן זיינען זיי חורץ את לשונם!

דעריבער, איז "לכל בנ"י לא יחרץ כלב לשונו" מדגיש ביותר דעם "למען תדעון אשר יפלה ה' בין מצרים ובין ישראל".

ועפ"ז זיינען מובן נאך כמה דיוקים.

מ. בהמשך לזה וואס ס'איז יו"ד שבט, וועט זיכער זיין "עמדו הכן כולכם"[167] און מ'וועט אויסנוצן די כחות וברכות וואס מ'באקומט אין דעם טאג צו טאן די עבודה וואס דער בעל ההילולא האט געמאנט און האט אויף דעם געגעבן כחות וברכות, כמבואר אין זיינע שיחות בלקוטי דיבורים ובכ"מ וואס ער הא געמאנט און געגעבן אויף דעם כחות וכו'.

בכדי געבן א תוספות כח בזה - וועט מען געבן משקה פון דער התוועדות דיו"ד שבט צו אלע די וואס פארן למקומות אחרים און כאו"א וועט טאן במקומו אין די אלע ענינים וואס דער בעל ההילולא האט געמאנט אין הפצת התורה והפצת המעינות חוצה.

ובכללות - די מבצעים: אהבת ישראל ביז אחדות ישראל, חינוך עצמו והזולת, תורה, תפילין, מזוזה, צדקה, בית מלא ספרים - יבנה וחכמי', טהרת המשפחה, כשרות האכו"ש, און נרות שבת קודש ויו"ט. און ביטול גזירה האיומה פון "מיהו יהודי". און "מבצע ספר תורה" - זיך משתדל זיין אז יעדער איד זאל באקומען אן אות אין איינער פון די ספרי תורה הכלליים, "עמך הנמצא כתוב בספר"[168].

ביז צו דער "מבצע" צו ברענגען משיח צדקנו.

מפני טירחא דציבורא וקדושת יום השבת - וועט מען געבן די

---

166) ישעי' נו, י. 167) מכתב כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ מכ"ו אייר תרח"ץ (נדפס בהקדמה לקונטרס צו בתחלתו - סה"מ קונטרסים ח"ב שצ"ב, ב. אגרות קודש שלו ח"ד ע' רעס). 168) דניאל יב, א. וראה פי' רבינו ישעי' מטראני (בעל תוס' רי"ד) עה"פ.

SichosKodesh.com

משקה אין "מזכירות" און מארגן זאל מען אהינצו אריינגיין נעמען די משקה.

און די משקה וועט מקרב זיין דעם "יום שכולו משקה", כתורת אדה"ז ווי דער רבי מהר"ש ברענגט[169], וואס זיין "סיסמא" איז געווען "מלכתחילה אריבער"[170] - במילא גיט די משקה כח אז די עבודה איצטער זאל זיין מלכתחילה אריבער, און דאס זאל זיין א הכנה צו ביאת משיח ב"יום שכולו משקה" באופן פון מלכתחילה אריבער.

ובמהרה בימינו ממש.

מא. אזוי ווי ס'וועט אויך זיין א "חנוכת הבית"[171] - וועט מען אויך פאר זיי געבן משקה פון דער התוועדות. וכדי שלא לחלק - זאלן זיי אויך נעמען די משקה מארגן אין "מזכירות".

וכאן המקום אויך דערמאנען וועגן דעם "מגבית" בקשר מיט יו"ד שבט, אז מ'זאל ניט פארגעסן געבן צו דער מגבית (ניט אום שבת געדרעדט) נאך שבת. און יעדערער וואס וויל קען אויך צושרייבן שמו ושם אמו - און אזוי אויך אלע די וואס נעמען משקה וואס זיי פארן למקומות אחרים זאלן אנשרייבן שמם ושמם אמם און אפגעבן אין "מזכירות" - על מנת דאס לייענען אויפן "ציון" פון בעל ההילולא.

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק ב"ב ותן חלקנו בתורתך".

------ * ------

---

169) המשך וככה תרל"ז, פמ"ו. 170) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תריז. לקו"ש ח"א ע' 124. ובכ"מ. 171) ד"הדר התורה".

הנחת הת' בלתי מוגה

**לזכות**

הוו"ח אי"א התמים **אהרן** וזוגתו מרת **רינה**

ובניהם

**דניאל, נטלי רחל וחי' חנה**

שיחיו

**מינקאוויטש**

- מיאמי -